STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08272

OYF LAYTISHE GELEKHTER

Sem Liptsin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעם ליפּצין

אויף לייטישע געלעכטער



ליטעראַרישער פאַרלאַג
נויאָרק, 1923

COPYRIGHTED, 1923,
BY SAM LIPTZIN

אינהאַלט:

1. פען־שטיפעריייען.

	זייט
אין דער פינסטער	9
„אינפלוענציע“	9
„העלפּ יור סעלף“	11
פרעגט מיין פריינד	12
ער בעט אויף מעהר...	13
א מאָדערנער גאָט	14
פרידען־פרייד	14
קריעג און פרידען	16
א גוטער פריינד	17
אין ים אַריין	18
מיט'ן מויל...	18
העלפט! העלפט!	19
חרטה	19
פליש פון הימעל	20
א יוגענד ציינען	21
א נעכטיגער טאָג	22
דער ביגאַמיסט	23
אין איהר יוגענד	23
צושלאָגען	24
שווער און שוויגער	26
שטייער	26
שטיינרייך	27
פאַר וואָס	27
א פארשטערטע שמחה	28
איך און מיין באָס	29
ניט זינדיג	30
אָהן א גאַל	30
צוליעב גן עדן	30
דער פייער פון ליעבע	31

	זייט
באַשיצער	32
א שעהנע כפּרה	32
פאַרענטפערט די קשיא	32
אויף זומער	33
צו שפּעט	34
געפינען	34
גינער	35
דער רעגען און ווינד	35
אַ פרוי'ס בילד	36
אַ „קעניג“	36
אנטלאָפען	37
פון צעמישעניש	37
פאַרענטפערט	37
ער האַלט וואָרט	38
אַ חזן אַזאַ	39
דער נאַר און דער קלוגער	40
געקראָגען...	41
דער סקעב	42
סמנים	42
אַ מלאך	42
שרייבער	43
די פיש פאַר'ן נעץ	43
קיין וואונדער	44
אָהן פענסטער	44
די „צנועה“	44
אבי יונג...	44
א נייער פּלאַן	45
געקראָגען	45
עפּיגראמען	46

2. פון פרעהליכקייט וועגען.

צוליב א נאָמען	51
נו, דאַרף מען זאָרגען?	54
גליקלאך פון אומגליקען	57
אַרויסגעשטעלט די לענדלאָרדס	60
דער טעות פון אַ „קווין“	62
עס ברענט ניט...	66
אריינגעפאלען...	68
י. ב. ג. א, ק. נ.	71
פריש, געזונד און ביליג	74
אַ לעסאָן אין ביזנעס	76
לאנדסליים	79
אַ חזן אויף יום־טוב	81
זי לעבט מיט רעכענונג	84
געקראָגען געלט...	87
שטרייך אָוועגד	89
א ים מיט צרות	94

זייט

געפאקט דעם פויגעל — 95
ביזי אויף אלע „ליונס“ — 97
אויפגעגעבען — 98
געטריט מיט א דינער — 99
אמעריטשקע גנב — 102
אַ ביזנעסמאַן — 103
געכאַפּט דעם גנב — 106
אַ סימן... — 107
וואו ס׳כאַפּט זיך פיש — 108

3. פון שאַפּ אַרוים.

מיין ערשטער מאַרש — 111
יונה פעפער... — 112
דער גרינער — 115
עס קומט זיי סטרייק בענעפיט — 118
אַ סטרייק ערב יום טוב — 120
אַ גוטהאַרציגער באָס — 122
זיך אָפּגערעכענט — 124
ווי צו קריגען א רייז — 125
געראַטעוועט דעם באָס — 126
פערכאַפּט געלט — 128
דעם אמת געזאָגט — 129
אָי, די טריין — 132
כאַפּעניישען — 133
פארמאכט דאָס מויל — 134
א געבילדעטער באָס — 136
געבראַכט אויפ׳ן אַדרעס — 136
איינער פון „יענע“ טוער — 138
דערוויל... — 139
צוויי פריינד — 140

4. פעפער-לאַך.

„נאַשטיכי“ — 147
אָ, די ווייבער! — 152
אָי, די מענער! — 156
אפאריזמען — 159

אַ פאָר־לאַך.

אידיש פאָלק, גיב מיר מזל טוב. איך האָב אַ דאַנק קאָלאָמ־בוס'ן דערלעבט נחת פון איינעם פון מיינע זיהן, און דער איינער איז דער טאַלאַנטפולער און נעמען־פולער סעם ליפּציז, וואָס מאַכט אייך האַלטען זיך ביי די הונדערט און זעכציג זייטען פון גע־לעכטער...

איך בין שטאָלץ און גליקליך דאָס איינער פון מיינע זיהן האָט שוין אויף אַזוי פיל אַנטוויקעלט זיין טאַלאַנט צו קענען אַרויסגעבען „סעמפּעלס“ פון אַלע פיער „פּ. פּ. פּ.“ ווי „פּען־שטיפערייען“ (לידער); „פון פרעהליכקייט וועגען“ (הומאָרעס־קעס); „פון שאָפ אַרוים“ (שאָפּ מעשה'לאַך) און „פּעפּער־לאַך“ (שטעכעניש אַזעלכע) וועלכע זיינען ביז איצט געווען צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ארבע פּנות ה'צייטונגען וזשורנאַלען — אין אַ שעהנעם בוך.

אידיש פאָלק, איך פאַרזיכער דיר, אַז דאָס בוך „אויף לייט־טישע געלעכטער“ איז כשמו כן הוא, און אַ יעדער איינער וועלכער איז נאָר אַ לייט... (וואָס איז געבענשט מיט אַ חוש פאַר הומאָר) וועט קריגען „זיין געלט ווערטה“ — אין געלעכטער...

איך קאָוויר דיר אידיש פאָלק, אַז סעם ליפּצין איז ניט קיין „היינריך היינע“. און — ער קאָווירט אונז, אַז ער איז ניט קיין „שלום עליכם“. וואָס מיר זיינען אָבער זיכער, אַז דער „פּען־שטי־פער“ פון דעם בוך איז ניט קיין פּלאַגיאַטאָר און אַלץ וואָס איז דאָ אין דעם בוך גוט אָדער בעסער, שלעכט אָדער ערגער, איז זיין אייגענע.

איך וויל צוגעבען, אַז אין מאַנכע זאַכען איז אפשר די אַר־בייט ניט אַזוי געלונגען, אָבער אַלעס צוזאַמען ווייזט אַ מאַטעריאַל פון אַ פרעהליכען „לונג־און־לעבער“.

און צו די הערען קריטיקער וועלען מיר זאָגען, זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דאָס בוך „אויף לייטישע געלעכטער“ לאַכט פון דער וועלט...

מיט האָכ־לאַכונג,

„די הומאָריסטישע געזעלשאַפט“.

פּען-שטיפּעריִיען

אין דער פינסטער.

יא, איך ליעב דעם טיפען פינסטער
אין דער שטילקייט פון דער נאכט
ווען איך שפאן אדורך די גאסען
טיהר און פענסטער צוגעמאכט.

בלויז שפארונעס דורכ'ן פארהאנג
לויכטען דורך א וואו ניט וואו;
אייל איך שנעל זיך צו דער ריכטונג,
שטעל זיך אפ און קוק זיך צו.

ווי צוויי טויבען אויף א צווייגעל,
ג'ארעמט זיצען מאן און ווייב,
און דער מאן פרעסט הייסע קושען
אויף איהר רייצענד־קלאהרען לייב.

אט אזוי שטראהלט שעהן די ליעבע,
וואו מיין בליק פאלט נאר אריין,
און איך טראכט ביי זיך אין הארצען,
זאל שוין שטענדיג פינסטער זיין...

אינפלוענציע.

און אוי, און וועה, און וועה און אוי,
און אלע אויף א מאל.
מיין דירה איז געווארען איצט
אן אמת'ער שפיטאל.

אין פראַנטרום שטעהען בעטען דריי,
איז קיך שטעהט אויך אַ בעט.
אויף יעדען בעט אַ באָרדער ליגט
און רעדט פון היץ און רעדט.

„אוי ראַטעוועט, אַ מעדיצין!“
בעט יעדער האַלב־באַוואוסט.
איינער בעט עס מיט אַ כריפּ,
דער צווייטער מיט אַ הוסט.

איך ווייס ניט וואָס אַפריהער טאָן,
איך לויף אַהער, אַהין.
די שוויגער שרייט: „שטעל באַנקעס מיר!“
די ווייב שרייט: „אַספּירין!“

און איך דאַרף נעבעך אויסהערען
אַ יעדען הוסט און ניס,
כאָטש איך אַליין שלעפּ אויך זיך קוים
אַרום שוין אויף די פיס.

און אוי, און וועה, און וועה און אוי,
עס טומעלט מיר אין קאָפּ,
איך לויף צום דאָקטאָר, צום אַפּטייק,
די טרעפּ אַרויף, אַראָפּ.

ביז ענדליך האָט דער אויבערשטער
מיין גרויסען צער דערבליקט
און האָט מיט אינפלוענציע
מיך אויכעט שוין באַגליקט.

איצט ליג איך ווי אַ גראַף אין בעט,
מיט באַנקעס אויף מיין לייב,
און העלף דער שוויגער מיט אַ קרעכץ
און מיט אַ הוסט — דער ווייב.

„העלף־יור־סעלף".

עס בעט ביי גאָט אַ יעדערער
מיט טרערען און געוויין.
דער יונגער ווײנט: גיב עסען, גאָט!
דער אַלטער ווײנט: גיב צייהן!

עס ווײנט אַ בחור: גאָט, בעשער
אַ היים, אַ ווייב, אַ בעט!
און אַ באַווייבטער ווײנט און קלאָגט:
אוי. גאָטעניו — אַ גט!

איין מוטער ווײנט: כ'האָב 7 זיהן.
אַ טאָכטער גיב מיר באַלד!
אַ צווייטע ווײנט: כ'האָב נאָך איין מויד,
אַ חתן גיב — ז'ווערט אַלט!

אַ לענדלאָרד בעט: גיב הייזער מיר
פון מאָרטגיידזש שולדען ריין!
אַ בעטלער בעט: גיב הייזער מיר
כ'זאָל האָבען וואו צו געהן.

און גאָט הערט אוים אַ יעדען איד'ס
בקשות און געוויין
און ענטפערט: איך וועל העלפען די
וואָס העלפען זיך אַליין...

פרעגט מיין פריינד.

(שטימונג)

דו פרעגסט ביי מיר מיין ליעבער פריינד
וואס איז מיט מיר געווארען?
צי האב איך ערגעץ וואו אין וועג
די גאנצע „שפאס“ פארלארען.

און אפשר גיט קיין צייט מיר ניט
מיין קלוגע פרוי זאל לעבען.
אז איך זאל קענען שפאסען אויך
פאר אנדערע נאך געבען.

ניין, ליעבער פריינט, ניט דאס קען מיר
אין לעבען געהן פארלארען.
ווייל וויץ און איך איין קערפער איז
צוזאמען גלייך געבארען.

אויך ניט די פרוי, מיין ליעבער פריינט,
מאכט מיר עפעס שווערער.
פונקט פארקעהרט, מיט איהר אין הויז
מיר וויצעלט זיך פיעל מעהרער.

נאר אט פאר וואס איך שרייב ניט איצט
און מאך פון וויץ קיין וועזען.
צו ביטער פאר דעם איך איז איצט
ער זאל איצט וויצען לעזען...

ער בעט אויף מעהר...

אין דרויסען א שטורם,
א שניי און א ווינט;
עס איז א רחמנות
ארויסלאזען הינט.

כאפט ער א שליטען
מיט פערדעלאך צוויי,
ער נעמט זיין געליעבטע
און באלד פאהרען זיי.

יאגט ער וואס שנעלער
די פערדלאך גאלאפ,
טראגט זיך דער שליטען
ארויף און אראפ.

רייסען די ווינטען
און קערען א וועלט,
מורמעלט זי אונטער —
צו שטארק איז די קעלט.

כאפט זיך ארום איהם
און דריקט אהן א שיעור,
בעט זיך — אי, זעה נאר?
געוואלד, ווי איך פריהר".

און וואס מעהר זי בעט איהם
— אהיים קום געשווינד,
אלץ גאט מעהרער בעט ער
— מאך שטארקער דעם ווינט...

אַ מאָדערנער גאָט.

רו וועסט זיין מיין גאָט,
מיין הערשער מיין גלויבען.
דו וועסט מיר ליעבען
און איך דיך דערהויבען."

„הויך אין די הימלען
וועל איך דיך באַזעצען,
שיקען דיר תפילות,
באַזינגען און שעצען."

„האָט זיך אַ בחור
געגראַמט אַט די שטיקלאַך,
האָט זיך אַ מיידעל,
געפיהלט פון דעם גליקלאַך.

און זי איז וואָס גיכער
אַ „גאָט" איהם געוואָרען,
שרייט ער איצט — עסען!
דיין „פּאָלק" געהט פאַרלאָרען.

פרידען־פרייד

— וואָס איז היינט די שמחה
וואָס מ'קושט זיך אין גאַס,
עס שטראַלט יעדענ'ס פּנים
מיט פרייד און מיט שפּאַס?
וואָס איז דאָ די גדולה
איך פיהל ניט דעם טעם

פון די פויקען, טרומייטען
אוּן דעם גאַנצען טאַראַראַם
וואַס לאַכט איהר? וואַס טאַנצט איהר?
גיב מענש מיר פאַרשטעהן
וואָרום גרויס איז די פרייד
אזש געמישט מיט געוויין?

— די שמחה איז גרויס
און נאָך גרעסער דאַרף זיין,
דער בעכער פון טרערען
ווערט פול יעצט מיט וויין.
אַט לויפען דאָרט רייטער
פעריסען דעם קאָפּ,
עס בלאַנקען די שווערדען
זיי יאָגען גאַלאָפּ.
דאָס זיינען די קעמפּפער
וואָס קומען פון שלאַכט
און האָבען פיעל נייעס
דער מענשהייט געבראַכט.
דאָס זיינען די העלדען
וואָס קומען פון קריעג,
און האָבען געבראַכט אונז
דעם פרידען מיט זיעג.

— פרידען מיט זיעג
אַך, פאַלש איז דיין פרייד
האָסט מענש שוין פאַרגעסען
דיין נעכטיגע לייד?
דו טאַנצט היינט פאַר'שכור'ט
מיט לעבען און מוט
און טרעטסט אויפ'ן קבר
פון מענשליכען בלוט.

פארגעסט גאר אין גאנצען
דיין נעכטיגען צער,
און לארעמסט, און טופעסט,
דו געמענשעלטער נאר!
איך וואלט אויך דעם לעבען
פון פריידען געוואלט,
ווען מענשליכע לעבענ׳ס
וואלטען מיט בלוט ניט באצאהלט.
אבער ווי קאן מען זיך פרעהען
אין היינטיגען טאג,
ווען ס׳קלינגט נאך דער יאמער
פון נעכטיגען קלאג?

— אט דאס איז דער לעבען,
ס׳קען אנדערש ניט זיין,
וואס ביטערער די הארץ איז
אלץ זיסער דער וויין.
וואס גרעסער געווען איז
די נעכטיגע לייד,
אלץ בעסער און גרעסער
מוז היינט זיין די פרייד.

קריעג און פריעדען

צעהוליעט האט זיך יאסעל ברען,
פון שמחה שטארק אנטציקט,
וואס אונזער וועלט געווארען איז
מיט פרידען שוין באגליקט.

האט יאסעל זיך גאנץ ברייט צעפלאמט,
מיט משקה אין דער האנד,
געגעבען טרינקען יעדערען,
באקאנט און אומבאקאנט
ווען ער פון שמחה און פון שנאפס
געווען איז שכור שוין,
איז ער מיט מיידלאך אויפ'ן גאס
אוועק א טענצעל געהן.

אזוי האט יאסעל זיך געפרעהט
מיט פרידען און מיט זיעג,
ביז ס'האט זיין ווייבעל דאס דערזעהן
און גלייך באנייט דעם קריג.

אַ גוטער פריינד.

„ראטעווע מיך!" — בעט מיין פריינד —
„העלף מיר אין מיין נויט!
כ'האב געהייראט מיט א פרוי,
טרייבט זי מיך צום טויט.

גאנץ געבראכען האט זי מיך,
כ'האב קיין פעני געלד,
לייה א קוואדער מיר אויף סם,
געה איך פון דער וועלט!"

כ'האב א קוואדער איהם דערלאנגט,
גאר ניט לאנג געטראכט:
ראטעווען א פריינד, בין איך
גרייט אין מיטען נאכט!...

אין ים אַריין.

שטעהט א בחור'ל א כוואטסקער,
טוט פאר מיידלאך זיך ריהמען:
„קיינער איז צו מיר קיין גלייכען
אין דער גרויסער קונסט פון שווימען“.

און כדי די מיידלאך ווייזען,
אז ער מיינט זיי נישט צו נארען,
האט ער זיך אין ים געווארפען,
מיט די פיס געגומען שארען.

איז א שטיפערישע כוואליע
צו דעם בחור צוגעשפרונגען,
האט דער ים זיין מויל צעעפענט
און דעם בחור איינגעשלונגען.

— — — — — — — — — — — —

א מוסר השכל האב איך זיך
דערפון אראפגענומען:
אוועקשווימען איז זעהר גרינג,
צוריק — איז שווער צו קומען!...

מיט'ן מויל...

צעקאכט זיך א מעמבער
פון דער „חברה בית שלום“—
ס'וועט באלד צו דיר אויסגעהן
א פינסטערער חלום.

דו לאידאק, דו זשוליק,
גנב דו אייגער,

כ׳ל דיר באלד דא דערלאנגען
אז ארויס ט׳דיר די ציינער.

צעשרייט זיך דער טשערמאז,
אזש ס׳ציטערט די ווענט: —
מיט׳ן מויל, מיט׳ן מויל,
אבער ניט מיט די הענד!

מיט׳ן מויל?... שפרינגט דער מעמבער
דאס אלץ וואס איך קאן איהם
טפוי זאלסטו ווערען,
נא א שפיי דיר אין פנים...

העלפט! — העלפט!

קלאפען פושקעס אין די גאסען;
גוטע מענשען, האט רחמנות!
העלפט די קראנקע און די שוואכע,
העלפט יתומים, העלפט אלמנות!

און איך טראכט מיר: אמת, אמת,
ווי איך בין א אידיש־שרייבער, —
העלפט יתומים, העלפט אלמנות,
און א העלפט געהט פאר די קלייבער.

חרטה.

אזוי ווי אין א שטורעם
די וואלקענס לויפען, טראגען,
אזוי געליבטע פלעגען
נאך איהר זיך שטענדיג יאגען.

איינער מיט געזאנגען,
אן אנדערער מיט בלומען,
א דריטער גאר מיט רייכטום
געזוכט האט איהר באקומען.

און זי האט אט די אלע
פאריאגט פון זיך פארטריבען
נאר יונג איז זי געוועזען
האט זי געזיפצט, געקליבען.

יעצט איז זי מיט דער יוגענד
צעשיידעט אין צוויי וועגען:
און פון די גרויסע וואלקענס
אינגאנצען געהט קיין רעגען...

פלייש פון הימעל.

זיצט ר' זעמעלע אין סוכה,
מיט די קינדער ביי דעם טיש,
בעט דער פאטער: ברענג דעם מחזור!
בעטען קינדער: ברענג די פיש!

זאגט די מוטער גלייך מיט טרערען:
ליידער איז קיין פיש ניטא!
זופ אביסעל אויסגעקאכטע,
און דאס אלעם וואס ס'איז דא.

ברענגט א גרויסען טעלער זופ זיי,
און צעוויינט זיך האט די מוטער.
גאט וועט העלפען, זאגט דער פאטער,
ער איז דאך א גאט א גוטער.

נעהמען אלע שטיקלאך חלה
אוז מען עסט מיט יוך אביסעל:
איבעראשט די קינדער ווערען,
ווען זיי טרעפען אויך „א פיסעל“.

כאפט א יעדער אן דאס פיסעל,
יעדער איינער גיט א צופּ;
גיט די סוכה זיך א שאקעל,
פאלט אראפּ א קאץ אין זופּ.

א יוגענד צייכען.

עס פלעגען גאנצע מחנות
פארליעבטע צו איהר קומען:
ס'פלעגט איינער ברייגנען קענדי,
א צווייטער — ברענגען בלומען.

א דריטער פלעגט אין „מואוויס“
איהר מיטנעמען גאר גערען.
א פערטער פלעגט מיט פייער
זיין ליבע איהר ערקלעהרען.

א פינפטער פלעגט טאג־טעגליך
מיט איהר אין פארק שפּאצירען,
א זעקסטער — איהר נאכט־נעכטליך
אין „חלש־געסעל“ פיהרען.

א זיבעטער האט שטענדיג
גערופען איהר „מיין טייבעל“,
אן אכטער האט צוליעב איהר
גע'גט זיך מיט זיין ווייבעל.

א נייגטער האָט מיט רייכטום
גענוכט איהר האַרץ צו פאַנגען,
א צעהנטער האָט אוים ליעבע
צו איהר, זיך אויפגעהאַנגען.

זיי זיינען איצט פאַרשוואונדען,
ווי ס'פאַרב פון איהרע באַקען.
פון יענער צייט אַן אַנדענק
זי טראָגט בלויז אויף איהר נאַקען.

דאָרט האָט א יונגער דיכטער —
א בחור הויט און ביינער,
אין צייט פון גרויסען הונגער
אריינגעיאָגט די ציינער.

אַ נעכטיגער טאָג.

פאַרבראַכט מיט א בחור
האָט נעכטען זי שפּעט,
ער האָט איהר געצערטעלט,
געקושט און געגלעט.

געטריט זי מיט אייז־קרים,
(זי האָט דאָס ניט פיינד)
איהר אויג האָט געלויכטען,
איהר פּנים געשיינט.

היינט זיצט זי אין שאַפּקע,
אַזוי ווי אין אַסטראַג,
און זיפצעט און בענקט נאָך
„א נעכטיגען טאָג“.

דער ביגאַמיסט.

עס קומען פרויען דריי אין קאורט
פאַרפינסטערט און פאַרוויסט:
געהייראַט האָבען זיי א י י ן מאַן,
(דאָס הייסט א ביגאַמיסט).

זיי יאָמערען: „דער שורקע האָט
פאַרפינסטערט אונזער וועלט!"
און גיסען ימ'ען קללות אויס
אויף אונזער ווייבער־העלד.

דאַ רופט זיך אָפּ דער ביגאַמיסט:—
יאָ, זייער לייד איז גרויס,
דאָך, ליבער ריכטער, איין מינוט!
הערט מיין לייד אויכ'עט אויס:

א י י ן צרה האָבען זיי די דריי,
איז וויינען זיי און קלאָגען;
האָב איך דאָך א י י נ ע ר צרות ד ר י י,
טו, וואָס זאָל איך שוין זאָגען?

אין איהר יוגענד.

מיט די שענסטע קאַוואַלירען
האָט געשטיפט זי און געלאַכט:
טיף אין וואַלד מיט זיי שפּאַצירען
איז געגאַנגען זי ביינאַכט.

אַך, איהר זינגען, אַך, איהר לאַכען!
ס'האָט געקלונגען העל און הויך —

אלעס איז אצינד פארגעסען,
אלעס איז אוועק מיט רויך.

נאר כדי איהר צו דערמאנען,
אז זי איז געוועזען יונג,
גיט איהר קדיש'ל, איהר ליעבער,
אלע וויל' פאר איהר א שפרונג.

צושלאָגען...

ווי יעדען טאג פריה מארגען,
ביז איך אין שאפ געקומען —
מיין ראק אראפגעווארפען,
און שטיל מיין פלאץ פערנומען.

און האב איך נאר געזעצט זיך,
דערהערט האב איך א שרייען —
איך הויב אויף מיינע אויגען
דער באס שטעהט איבער שמעיה'ן.

מיט די ציינער קריצט ער,
און טייטעלט מיט די פינגער —
נאר „פיידע" גיב איך גרויסע
און ארבייטען וואס גרינגער!

א גאנצען טאג נאר פרעסען,
מען הערט ניט אויף צו קייען —
ניט געהן מעהר וועט די ביזנעס,
מיט בלוט וועט איהר שוין שפייען!

און שמעיה זיצט פער׳צארן׳ט,
די ליפען שטארק פערביסען —
איך קוק איהם אין די אויגען,
די הארץ — מיר ווערט צעריסען.

א מענש מיט מארך, נשמה,
מיט פלייש, מיט בלוט און ביינער —
לאזט זידלען זיך און טרעטען,
פערפאהרט ניט אין די צייהנער.

איך האב שוין לייננער רוהיג
ניט געקענט פארבלייבען,
ארויסגעכאפט דעם בליישטיפט
דעם אינהאלט צו פערשרייבען.

דערמיט זיך צו באנוצען,
א בילדעל צו באשאפען —
ווי פיעלע שטילע מענשען,
לאזען זיך פארשקלאפען.

פארקויפען זייער קערפער,
די פרייהייט און דעם ווילען,
מען לאזט פון באס זיך טרעטען
אויף זיך און אויף די „ציעלען"...

אזוי ווי איך נעהם שרייבען,
„דער באס האלט נאר אין יאגען",
איז שמעיה איהם „פארפאהרען" —
די „טהעמא" מיר צושלאגען...

שווער און שוויגער.

„וואס האט צו מיר דיין טאטע?"
ברומט מיינע ווי א טיגער.
איך האב איהר גלייך געענטפערט:
„וואס טוהט ביי מיר די שוויגער?"

מען דארף אין הויז קיין קאץ נים,
ווען ס'איז נימא קיין ראטען!
טרייב דו ארוים דיין מאמען,
טרייב איך ארוים מיין טאטען!

שטייער.

ווילסטו אין טעאטער געהן — שטייער.
ווילסטו מיט א פושקארט שטעהן — שטייער.
קויפסטו רעטאד, קויפסטו קרויט,
רייסט מען פראסט פון דיר א הויט — שטייער.

גלוסט זיך דיר א גלעזעל קוואס — שטייער.
ווילסטו טעה א דעמי־טאס — שטייער.
ווילסט א כתובה, ווילסט א גט, —
ווילסט א בענקעל, ווילסט א בעט — שטייער!

ווילסטו חלה, ווילסטו ברויט — שטייער.
ווילסטו מעדיצין א לויט — שטייער.
ווילסטו פון דער וועלט שוין געהן,
ווילסט א קבר, ווילסט א שטיין — שטייער!

„שטיינדרייך".

„וואס ביסטו, זאג, טאכטער, פארטרויערט?
דיין פּנים פארפינסטערט און שווארץ?
קום, זעץ דיך ביי מיר אויפ'ן שויס און
גיס אויס פאר דיין מאמען דיין הארץ.

„דערצעהל מיר דיין אונגליק גאנץ אפען,
איך וועל ניט פאראטען דיין סוד,
ס'וועט בלייבען א טיעפע געהיימניס,
ס'וועט וויסען בלויז איך, דו, און גאט."

און עס ענטפערט די טאכטער מיט טרערען:
„אוי, מאמעשי, איך בין באטריבט.
עס האט זיך א שטיין רייכער בחור
אין מיר זיך גאר שטערבליך פארליעבט.

און איצט האב איך, וועה מיר, ערפאהרען,
אז ער איז פון רייכטום גאנץ ווייט.
זיין שטיין־רייכקייט, מאמע, באשטעהט נאר
וואס גאל־שטיינער האט ער אין זייט."

פאר וואס.

הארי אפ! — שרייט דער באס צו א גרינעם —
דו זאגסט, דו פארשטעהסט ניט מיין מיין?
„הארי אפ" מיינט צו ארבייטען שנעלער,
דעם ווארט מוזטו אימער פארשטעהן.

דו האסט נאך גענוג גרינע קרעפטען,
הארי אפ, אויב דו ווילסט עסען ברויט!

מעגסט פרעסען א ביסעלע שנעלער,
דיין פנים געזונט איז און רויט.

איהם ענטפערט דער גרינער: „מיין פנים
פון בושה און חרפה איז רויט:
א היימישער שינדער פון בהמות
זאל שינדען דא מענשליכע הויט“.

אַ פאַרשטערטע שמחה.

(מלחמה פאסירונג)

ער האט דערפיהלט זיך איבערגליקליך
ווי ער האט די נייס דערהערט.
פאר פרייד געמאכט א גוטע כוסה —
וואס מלחמה איז דערקלערט.

ס'האט זיין הארץ געטאנצט פון שמחה —
„ענדליך, ענדליך, קומט מיין צייט.
כ'וועל מיין „צרה“ איצט פארלאזען
און אוועק פון איהר ווייט, ווייט.

און געטראכט האט ער קיין סך ניט,
ניט געזעגנט, נור גלייך געטאן!
אנגעשלאסען אין דער ארמיי
צו פארטהיידיגען די פאן.

אנגעטאן זיך „פא סאלדאטסקי“
מיט א פיסטאל, מיט א שווערד;
ניט דערקענען קען איהם קיינער,
ר'האט זיין ווייבעל טיעף אין דר'ערד.

ליגט ער רוהיג אין די טרענטשעס,
און גיט אכטונג אויף זיין לאנד;
קומט א שונא און באפאלט זיי,
און מען שיסט איהם אפ א האנט.

אין שפיטאל באלד אויף א וועגעל,
האט מען איהם אוועקגעפיהרט,
און א דאקטאר האט די וואונדען
פון זיין האנד פארבאנדאזשירט.

לאכט ער אוים זיך פון די שמערצען,
ס'וועט פארהיילען זיך גאר גיך,
זאל זיין פלאסטערס, זאל זיין יאדע —
כ'האב מיין „צרה" ניט ביי זיך".

פלוצים הויבט ער אן צו שרייען,
פול מיט וועהטאג איז זיין קול: —
„א, א „צרה!" ס'איז מיין ווייבעל
דא א נוירם אין דעם שפיטאל."

איך און מיין באָם.

מיין באלעבאם אזוי ווי איך
טרייבט אויב'עט א מאשין;
נאר מיינעם יאגט עלעקטרי,
און זיינעם — געזאלין.

פון דעסטוועגען פארזיכער איך,
אז דעם באם איז גרינגער —
וויל, זיינער איז א „פארד-מאשין",
און מיינער איז א „זינגער"...

ניט זינדיג.

באקלאגט זיך שטארק פאר מיר א פריינד
זיין לעבען איז ווי סם;
זיין ווייבעל האלט פארפאקט דאס מויל
סיי טאג, סיי נאכט, מיט „גאם"...

צעלאכט האב איך זיך — ברודער, שוויג
ניט זינדיג! דיר איז וואויל!
ערשט פינסטער וועט דיר ווערען, דאן
ווען „פריי" וועט זיין איהר מויל...

אָהן א גאל.

מיין באס איז א מענש
באקאנט איבעראל.
א יעדערער ווייס,
ער האט נישט קיין גאל.

נור מיינט נישט, אז ער איז
גאר קיינמאל נישט בייז —
נעפלאצט האט די גאל איהם
פון געבען א „רעיז".

צוליעב גן עדן.

„ווארום ווילסט ניט פרום זיין מיין ליבענקער זוהן?"
פלעגט שטענדיג זיין מאמע איהם פרעגען.
דעם סוד האט ער איינמאל פארטרויט פאר איהר,
ווארום ער איז פרומקייט דאגעגען.

כ'בין ניט קיין פרומער, ווייל מיין ווייבעל איז פרום.
ערקלעהרט האט ער איינפאך דער מאמען.
„איך ביז מעהר צופרידען אין גהינם צו זיין
ווי מיט איהר אין גן־עדן צוזאמען.

און אין דעם גהינם — פארזיכערט האט ער
„ניט האבען וועל איך דארט קיין ליידען.
ווייל דארט וואו איך געה נאר אליין אהן מיין ווייב
פאר מיר ווערט דער פלאץ א גן־עדן...“

דער פייער פון ליבע

באטראכט נור, מיין ליעבסטע,
ווי גוט איז אונז צוויי‏ען.
מעג דרויסען זיין ווינטען
און שטורעמס און שנייען.

ביזטו לעבען מיר נאר,
מיין ליבסטע, מיין שעהנע,
האב איך ניט קיין מורא
פאר קראנקהייטען קיינע.

אונז קימערט קיין יקרות
וואס קוילען איז טהייער;
מיר דארפען קיין „סטיעם“ ניט,
מיר דארפען קיין פייער.

אונז שרעקט ניט קיין ווינטער,
אונז קימערט קיין פראסט ניט —
דער פייער פון ליעבע
באלאנגט צו קיין טראסט ניט.

באַשיצער.

אין דרויסען איז פראָסטיג, עס שנעעט און עס פריהרט,
די ערד מיט אַ שפּיגעל פון אייז ווערט באַצירט.

שרעקען זיך מיידלאַך צו געהן אויפ'ן גליטש,
און בעטען די באַיעס: באַשיץ אונז, באַשיץ!

באַשיצען זיי באַיעס פון גליטשיגען גלאָז,
און מאַכען זיי „פּאַלען" אום זומער אין גראָז.

אַ שעהנע כפרה.

זוכט מיין ווייבעל אין דעם מחזור
זוכט „בני אדם" גיכער זאָגען,
בלעטערט זי דעם גאַנצען מחזור
און זי קען נאָך אַלץ ניט „שלאָגען".

ווערט זי אויפגעבראַכט גאָר שרעקליך:
„ווי געפעלט דיר מיינע צרות?
קום שוין סעמי, האָב רחמנות,
נעהם און שלאָג מיט מיר כפּרות!..."

פאַרענטפערט די קשיא

ווייסט איהר כאָטש וואָרום דער בורא
גיט די באַסעס אַלעס, אַלעס,
און די אַרבייטער קיין זאַך ניט
אויסער קינדערלאַך און דלות?

ס'איז דער שכל פּראָסט און פּשוט,
ס'קען אפילו זעהן אַ בלינדער:

גאָט, ער האַלט זיי פאַר צדיקים
און די אַרבייטער פאַר זינדער —

ווייל אין הימעל מוז פאַרשרייבען
זיינע זינד אַ יעדער איינער;
קאָן דאָך ס'רוב אַ באָס ניט שרייבען,
נו, פאַרבלייבט זיין בלאַט אַ ריינער.

אויף זומער

זינגט מיין ווייבעל אין דער שטיל:
„ווייסטו, סעמעלע, דעם „ביל"?
וואָס דער זומער ברייננגט אריין?
אַט באַדאַרף איך נייע קליידער,
שוין ניט ריידענדיג פון פוידער,
וואָס אום זומער מוז דאָס זיין...

היינט פאַרגעס ניט „סליפּערס ברוינע",
און אַ וויסטעל, „אַ קאַמוינע",
ווי ניט אויך אַ שטיקעל העט.
און וואָס הערט זיך מיט'ן פאַהרען?
וואָס זשע דיינקסטו ס'איז פאַר־יאָהרען,
איך זאָל קרענקען דאָ אין בעט?

קאַנטרי, ווייסטו, מוז איך האָבען,
סיידען ווילסט מיך שוין באַגראָבען.
זעהסטו ניט, איך בין פאַרביי?
ווייסט אַליין איך בין גערעכט.
זיי זשע ליעבער מעהר ניט שלעכט,
— צייג דו ביסט געטריי."

הער איך אוים אזוי איהר זינגען,
דאן מיין שטימע פאנגט אן קלינגען:
„ווייסטו, ליעבסטע, וואס נאך ס׳פעהלט?"
ווערט איהר פריידע זעהר גרויס,
זינג איך שטיל איהר דאן ארויס:
„איין זאך בלויז — אביסעל געלט..."

צו שפעט.

יא, הייליג ביזט, מיידעל!
איך אכט און איך שעץ דיר,
דיין מיטעל איז וואונדער
צו פאנגען אין „נעץ" מיר.

דאך ליידער, דו קלוגע,
צו שפעט ביזטו געקומען,
ווייל מיר האט א צווייטע
אין „נעץ" שוין גענומען...

געפונען.

קאלט אין הויז, עס איז א שרעק גאר,
יעדען קלאפט א צאן אן צאן.
איין א שטיק איז באלד דער אויווען
קיינער ווייסט ניט וואס צו טאן.

געהט די מוטער אום פארזארגט שטארק,
ניט צו ווארעם אנגעטאן,

דרעהט זיך אום אין יעדען ווינקעל
זוכט געפינען האלץ א שפאן.
— — — — — — — — — — — — —
„גיב א נאדעל" — שרייט אוים „דזשייקי"
צו זיין מאמען מיט גרוים שטאלץ,
כ'האב געפונען איצט ביי מיר דא
אין מיין פינגער א שטיק האלץ...

גיבער.

גיב איך די רענט צו מיין לענדלארד,
נעמט ער א פען אין דער האנט;
וויל א „רעסיט" אונטערשרייבען,
רויט ווערט ער פשוט פון שאנד.

שטעה איך און לאך אין די הויפענס,
„גיבער, נו, מאכט שוין אן עק,
איידער איהר וועט אונטערשרייבען,
וועט נאך דער מאנאט אוועק..."

דער רעגען און ווינד.

שלאגט א רעגען אין די פענסטער,
און דער וואסער רינט און רינט,
פונקט ווי איינער וואלט געהייסען,
וואשען פענסטער זאל דער ווינד.

נאכהער ברעכט ער אוים א פענסטער,
אט איז ער אין צימער שוין.
פונקט ווי ער וואלט קומען בעטען: —
„זייט זשע מוחל, ניט מיין לוין!“

אַ פרוי׳ס באַלד.

„שנעלער, שנעלער!“, שרייט מיין מיסטער,
„קום שוין, קום שוין, ס׳ווערט שוין שפעט!“
ענטפערט איהם די מיסים: באלד, באלד!
כ׳דארף בלויז אנטהון נאך דעם העמ״.

„אויב אזוי“, זאגט דאן מיין מיסטער,
„איז אויף צוויי גאר ניט צו האפען;
זיי כאטש פארטיג זעקס א זייגער,
איך דערוויילע לעג זיך שלאפען“.

אַ „קעניג“

מיסטער שרייער איז א „רויטער“.
— ברידער — שרייט ער — זייט נאר אייניג!
וועלען מיר, מיט מאכט, פארניכטען
יעדען הערשער, יעדען קעניג!

שפיעלט אין קארטען מיסטער שרייער:
דאן איז: — לעבען זאל דער קעניג!
און ער שלעפט זיי פונ׳ם „טעשעל“
ווען א „פאר“ פאר איהם איז ווייניג...

אַנטלאָפען.

געשפּילט האָב איך קאָרטען,
האָט אַן אומגליק געטראָפען,
איך בין מיט אַ „סטרייט־פלאַש“
פאַר „גאָר ניט“ אַנטלאָפען.

דאָך מיינט ניט חלילה
אַ צווייטער ט׳געגנומען —
גאָר פּשוט מיין ווייבעל
איז פּלוצלינג געקומען...

פון צעמישעניש.

אַ פרוי מיט שטאָלץ זאָגט אַרוים:
— „מיין מאַן ער האַלט מיר טייער;
„דאָס ערשטע מיר געראַטעוועט,
„ט׳ער נעכטען פון אַ פייער“.

צעלאַכט זיך שטאַרק דער מאַן און זאָגט:
„ניט פרעה זיך, זיי מיר מוחל,
„ווען פייער מאַכט אַ טומעל אַן,
„פאַרלירט מען דאַן דעם שכל...

פאַרענטפערט.

שוין 5 יאָהר נאָך דער חתונה,
און גליקליך זיינען זיי.
זיי קושען זיך און ליובען זיך,
ווי ליעבע טויבען צוויי.

פון געלד ווערט ניט דערמאָנט קיין וואָרט,
פאַרברייינגען שטענדיג בלויז
אַ שווינגער זיצט אין ווינקעלע,
אַ שטילע ווי אַ מויז.

ער שפּיעלט מיט איהר אין ליעבע נאַר
און ריהרט ניט אָן קיין קאָרט.
און יעדער קוקט און וואונדערט זיך:
ווי שעהן צענויפגעפּאַרט!

דאָך איז עס גאָר קיין וואונדער, וואָס
דאָס פּאָרעל לעבט אין גליק:
די סצענע וואָס איך שילדער, איז
פון אַ טעאַטער־שטיק.

ער האַלט וואָרט.

בעקלאָגט זיך אַ ווייבעל
אזש טרערען זיך גיסען:
אַ, מערדער, מיין לעבען
דו האָסט מיר צעריסען.

דו פלעגסט מיר אַלץ נאַרען,
און איך פלעג דיר גלויבען,
„אין זיבעטען הימעל,
דו וועסט מיר דערהויבען."

און יעצט האָסט מיר תכשיט,
פאַרביטערט די יאָהרען,

געגומען דריי רומקעס,
איז זיבעטען גארען.

— — — — — — — — — — — — — —

ער הערט אוים איהר טענה
און ענטפערט אויף גיך,
מיין ליעבסטע, איך שווער דיר,
א ווארטס־מאן בין איך.

איך האב ניט געגארט דיר,
האסט גאר ניט פארלוירען.
„גאנץ הויך אין די הימלען"
איז דער זיבעטער גארען...

א חזן אזא.

„קום אין שוהל!" זאגט איהם זיין טאטע.
„קום אין שוהל און בעט מחילה;
האסט דאס יאהר גענוג געזינדיגט,
קום אין שוהל און טו היינט תפלה!

שנעלער, שנעלער! זעה דעם מחזור
מיטצונעמען ניט פארגעסען;
היינט, יום־כפור, מוז מען פאסטען,
זאלסט ניט וואגען היינט צו עסען!"

כאפט ער שנעל, טוט אן זיין מאנטעל,
נעמט דעם מחזור, לויפט געשווינדער,
קומט אין שוהל — עס איז געפאקט שוין,
אלע טאטעס מיט די קינדער.

נעמט ער זוכען דארט זיין טאטען,
פרעגט זיך נאך ביי יעדען אינגעל,
לויפט ארויף אזש העט, צום מזרח,
אפשר זיצט ער דארט — אין ווינקעל

הערט ער א באקאנטע שטימע,
ווי געזונגען וואלט זיין טאטע —
ער באטראכט דעם חזנ'ס פנים
און זיין בארד, די קודלעוואטע —

יא, דאס פנים איז א פרעמדעס,
דאך זיין שטימע איז באקאנט איהם;
שרייט ער אויס גלייך: טאטע, טאטע!
נעמט ער באלד אן פאר'ן האנד איהם.

קוקט ער טיעף איהם אין די אויגען,
כאפט פאר שרעק זיין פנים פלאמען:
ס'טראגט זיין טאטע פאר א בערדעל
דאס פארוקעל פון זיין מאמען!

דער נאר און דער קלוגער

ווי גוט איז דעם מענשען
אהן מארך און אהן שכל
א שטאהל רופט ער צימער
א קעלער — א היכל...
געהט געוויקעלט אין שמאטעס
און רופט דאס אן קליידער
ער גריזשעט א ביינדעל
און לאכט דאך כסדר

אין שטויב נאָר ער באָדט זיך,
אויף לופט ניט ארויסעט
און דאָך, קיין עין־הרע,
ווי גוט ער זעהט אויסעט!

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרקעהרט — מיט דעם מענשען
וואָס טראַכט און וואָס דיינקט נאָר
און וויים ווי צו לעבען —
נו, שטענדיג דער קריינקט נאָר!...

געקראַגען...

צושרייט זיך אַ לענדלאָרד
און קלאַפּט אין די טיהרען:
„איהר וועט דאָ קיין סטרייקס
אין מיין הויז מיר ניט פיהרען.

איהר זענט ניט געשוואָלען
אליין אַלץ צו ראַמען,
נאָר קלינען און פיינטען, —
נאָר גאַנצע מאַדאַמען!

נאָר מאַך זיי, און מאַך זיי
און כ'שווייג ווי אַ נאָר דאָ.
אַ, זאָגט מיר, איך בעט אייך —
וואָס קריעג איך דערפאַר דאָ?"

— — — — — — — — — — — — — —

האָט באַלד איהם אַ טענענט
צו'הרג'עט, צושלאָגען,
יעצט שווייגט ער, ווי „יורקע'ס..."
ער האָט שוין געקראַגען!

דער סקעב

איך סטרייק אין מיין שאפ שוין
חדשים באלד פיער,
שליסט אוים מיר מיין ווייבעל
און קאכט ניט פאר מיר.

ערקלעהר איך א סטרייק איהר,
שפאציר ניט מיט איהר,
נו, קומט זיך מיין פארמאן
און סקעבט געגען מיר.

סימנים.

„פליעז, רעדאקטאר“, בעט א ווייבעל,
„האט רחמנות, העלפט אין נויט!
ס'איז אוועק פון מיר מיין יונגה
קומען זאל אויף איהם א טויט!“

און עס פרעגט איהר דער רעדאקטאר,
אויב זי האט פון איהם סמנים.
ווייזט דאס ווייבעל, ווי צעשלאגען
ס'האט איהר יונגה איהר דאס פנים.

א מלאך.

א מלאך איז די מיידעלע,
פארזיכערט האט מען מיר.
גענומען זייער ווארט האב איך,
און גלייך געהייראט איהר.

יעצט פארשטעה איך זייער מיין,
צום שכל יעצט איך קום,
א מלאך איז מיין ווייבעלע,
רק זי פליהט ארום.

שרייבער.

איינער שרייבט לידער,
א צווייטער שרייבט דראמען,
א דריטער שרייבט בריוולאך
א היים צו דער מאמען.

א פערטער שרייבט תפילין,
א פינפטער מצבות,
און איך בין א „שרייבער"
פארשרייב שטענדיג חובות...

די פיש פאר'ן נעץ.

איך מוז מל'ן דאס קינד! שפארט זיך פריידעל.
זאגט דער מאן איהר — ניין! ניין! — גאנץ איידעל.
איך גלויב ניט! פארפאלען.
זאגט זי — יע, נאר מל'ן!
און פון ערגערניש זי מפיל'ט „א מיידעל"...

קיין וואונדער.

פאַר אַן אפּיקורוס קען יעדער מיסטער שאַר.
דאַך פאַרטיידיגט ער פון אידיש יעדע זאַך.
נאַר עס איז ניט קיין חידוש,
ווארים ער איז פאַר אידיש,
ווייל ער קען ניט קיין אַנדערע שפּראַך.

אָהן פענסטער.

א דרעס, זאָגט מיין ווייב, מוז מיר זיין.
ארויסגעהן אַזוי איז ניט פיין.
מיד אַרט ניט פאַר'ן מאַגען,
ער קען אַלעס פאַרטראַגען,
ווייל אין בויך קוקט מיר קיינער אריין...

די „צנועה".

פון מאַראַל שטענדיג רעדט זי און קוואַקעט,
געהט אום מיט פעק תחנות אין „פּאַקעט";
גיט געלט אויס כסדר
אויף בלייעס און קליידער,
און געהט אַרום שטענדיק האַלב נאַקעט.

אַבי יונג...

א מיידעל אַן אַלטע איז טייבעל,
האָט יאַהרען אַזוי ווי די „בייבעל",
זוכט א משה, א זלמן,
א גרויש, א אַלמן,
אַבי רופען זיך גיכער יונג־ווייבעל.

אַ נייער פּלאַן.

טראָגען שנאַפּס — קאָן מען היינט אַריינפאַלען.
אויף אַ פּלאַן איז מיין לאַנדסמאַן געפאַלען —
פאַרקאַשערט דעם נעזעל,
גיסט גלעזעל נאָך גלעזעל
און טראָגט אין זיין בויך אום דעם „גאַלען"...

געקראָגען.

פון ליעבע די האַרץ פלעגט איהר נאָגען
מיט סודות זיך שטענדיג אומטראָגען
ביי בעלער נאָר ליגען
אַ „פּעלער" צו קריגען
נו, האָט זי אַ „האַרץ־פעלער" געקראָגען.

עפּיגראַמען

נאָר זי...

„די גאַנצע וועלט קען מיר“
באַריהמט זיך דער מאַן,
פון גאווה די אויגען איהם ברענען;
„די גאַנצע וועלט קען דיך“
צעלאַכט זיך די פרוי,
„נאָר איך האָב באַדאַרפט דיך ניט קענען...“

צו וואָס?

„גיט מיר אַ הערינג
וואָס זאָל זיין צעפּוילט
אַ פּאַדלע, אַ גרויסען, אַ דיקען.“
צו וואָס? — פרעגט דער פּעדלער,
און ס'ענטפערט דער מאַן:
„מיין ווייב זאָל מיך מעהרער ניט שיקען.“

אַ פרוי און אַ טשעק.

אַ פרוי און אַ טשעק
זיי זיינען אַ גליק,
ווען זיי געהען אַוועק
און ניט קומען צוריק

„אַ שם“

געזוכט האָט ער שטענדיג צו האָבען אַ שם,
פאַר׳ן פאָלק, געלאָפען, געפלויגען,
ביז ענדליך געקראָגען האָט ער דעם „שעם“.
ער „שעמט“ זיך צו ווייזען די אויגען...

גאָלדענע קייטען.

אַ באָס איז אַ רויבער,
דאָך פריי פון אַרעסט:
קייטען, אמת, טראָגט ער,
אָבער אויף דער וועסט.

נאַר...

דער באָס איז גראָב און פעט —
נאַר אויף רעדלאַך זיך צו ראָלען;
זיין שקלאַף איז אויך אָפט דיק —
נאַר פון הונגער אָנגעשוואָלען.

אַ גראַם.

זאָג מיר אַ גראַם צו אַ שוועבעלע,
פרעג איך בעריל דעם פּאַעטעל.
אַ גראַם — זאָגט ער צו אַ שוועבעלע
פּאַסט אַ סיגאַרעטעל...

פון פרעהליכקייט וועגן

צוליעב א נאָמען.

חאנקע האָט מיר אַלעמאָל פאַרזיכערט אַז זי וועט ניט האָבען קיין קינדער, זי האַסט דאָס ווי דעם טויט. דאָס וויגענען, באָדען, קאָרמענען און דעם שלעפּען זיך מיט די וועגעלאָך...

ניין! — פּלעגט זי באַטאָנען, — קינדער האָבען איז גוט פאַר יענטעס, שלומפּערס, אָבער ניט פאַר מיר. איך גלויב אין גע־בורטס־קאָנטראָל.

איז אַוועק 7 מאָנאַט ווי חאנקע האָט חתונה געהאַט. און מזל טוב, חאנקע האָט געבוירען א „זיבעלע".

— וואָס איז דאָס? — האָט איך מיט איבעראַשונג א פרעג געטאָן.

— ס'איז געשטאָרבען מיין טאַטע, — פאַרענטפערט זי זיך, — האָב איך געוואָלט א נאָמען נאָך איהם.

— נו?...

— נו, האָט זיך חאנקע צעלאַכט — איז גראָדע געבוירען געוואָרען א מיידעלע. האָב איך שוין א נאָמען געגעבען נאָך דער באָבען, אפשר וועט גאָט העלפען וועט זיין א נאָמען נאָכ'ן טאַטען אויך...

א קורצע צייט שפּעטער, זעה איך חאנקע'ן פיהרענדיג א „קע־רידזש", און איהר מיידעלע אויף די הענט.

— מזל טוב דיר, — רוף איך זיך אָפּ — נו, וואָס הערט זיך?

— א בחור, — גיט מיר חאנקע א קלאַפּ אין פּלייצע, — שוין דאָ גאָט צו דאַנקען א נאָמען נאָכ'ן טאַטען... אָבער ווי געפעלט דיר אַזאַ געשיכטע? — זאָגט זי מיר, אראָפּלאָזענדיג איהרע אויגען פאַרשעהמט. — פונקט נאָך דעם ווי איך האָב א נאָמען געגעבען מיין מיידעל נאָך דער באָבען, שטאַרבט אָפּ מיין שוויגער, און מיין מאַן חלש'ט א נאָמען נאָך איהר, גראָדע געוועזען זעהר א גוטע פרוי...

— גאט וועט העלפען, — זאג איך איהר אין שפאס.

— אבער ניט מעהר ווי נאך איינע. — פארזיכערט זי מיר.

— ווייל דו ווייסט דאך ווי איך האס קליינע קינדער. דעם וויעגען, דעם וואשען, און דעם פיהרען זיך, אה, ניט שטראפען זאלסטו מיך גאטעניו, — האט חאנקע אזש א ציטער געטאן.

אין א האלב יאהר שפעטער, באקום איך א פאסטעל קארד וואו מען בעט מיך צו א ברית. איך נעם לעזען, מזל טוב, חאנקע ליעגט אין קינפעט...

איך לויף אוועק צום ברית, און געפין אויס אז זי האט געהאט א צווילינג — צוויי אינגלאך, אין א מזל'דיגער שעה.

— וואס וועט יעצט זיין? — פרעג איך זי — מ'וועט מסתמא מוזען איבערלעגען דער שוויגער'ס נאמען, צו קאנען געבען א נא־מען נאך איהר?

— ניין, — ענטפערט זי מיר — אזוי ווי מיין זיידע און על־טער זיידע זיינען געווען זעהר גוטע און פרומע אידען, דענק איך, אז עס וואלט געווען ניט מעהר ווי רעכט א נאמען צו געבען נאך זיי.

— נו און די שוויגער?

— גאט וועט העלפען! — האט זי ווידער א מאך געטאן מיט דער האנט.

א פאר מאנאט שפעטער, איז אפגעשטארבען איהר מוטער, און געהענדיג באגלייטען איהר צו דער אייביגער רוה, האב איך דערהערט א שטילען מורמלען: — „א, מאמעניו, א גוטע בעטערען זאלסטו זיין פאר מיר, איך זאל כאטש דעם מאהל האבען א צווי־לינג פון צוויי מיידלאך, איך זאל קאנען דיין הייליגען נאמען און דעם נאמען פון מיין טייערע שוויגער פאראייביגען".

אין עטליכע מאנאטען שפעטער, איז אנגענומען געווארען חאנקעס געבעט. זי האט געבוירען צוויי מיידלאך, דער מאמען מיט דער שוויגער.

געוואלד! — האב איך אויסגעשריהען, — טרעפענדיג איהר ווידער אין בעט מיט א גאנצען „ארקעסטער" ארום איהר... וויפיעל נעמען האסטו נאך אין דער פאמיליע?

— שוין, ניט מעהר, — האָט זי מיר פאַרזיכערט.

אָבער לאַנג האָט זי ניט גערוהט. פּלוצלינג איז איהר גע־שטאָרבען דער שווער, און ער איז געווען זעהר אַ פיינער מענש, אַן עהרליכער איד, און זי האָט געוואָלט וואָס גיכער ארונטערנעהמען די שאָרבענס פון זיינע אויגען.

האָט קיין יאָהר ניט גענומען און חנה'לע האָט מזכה געווען איהר מאַן מיט אַ טאַטען, געבוירען אַ אינגעלע.

יעצט האָב איך זיך געטראַכט, וועט זי שוין איינפיהרען גע־בורטס־קאָנטראָל...

און אַזוי ווי איך האָב שוין מעהר ניט געקאָנט באַהויפּטען צו קויפען פּרעזענטען פאַר איהרע קינדער, האָב איך אויפגעהערט צו קומען אַלס גאַסט.

דורך אַ צופאַל האָב איך, אין אַ פּאָר יאָהר שפּעטער, אָנגע־טראָפען מיינע אַלטע באַקאַנטע. אין מיין איבעראַשונג בין איך געבליבען שטעהן ווי פּאַראַליזירט. חאַנקע — איין קערידזש, איהר מאַן — אַ צווייטען, און איהר עלטערע מיידעלע — אַ דריטען. איין האַנד אָנגעהאַנגען אַן אַ רעדעל, אַ צווייטע — אַן קלייד. און אַ דריטע האָט זיך געוואָרפען אויף דר'ערד, מ'זאָל עס נעהמען אויף די הענט.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך אויסגעשריהען — אַט דאָס איז דיין „געבורטס־קאָנטראָל ?!"

חאַנקע האָט זיך צעלאַכט און מיר אָנגעוויזען אויף די קינדער — איינס איז מיין טאַטע, אַ צווייטע, מיין מאַמע, אַ דריטע דער שווער, אַ פערטע די שוויגער, אַ פינפטער דער זיידע, אַ זעקסטע דער עלטער זיידע, און די זיבעטע — די באָבע.

— נו, און וואָס איז דאָס? — האָב איך געפרעגט אויף די איבעריגע.

— דאָס! — האָט זי אַ שמייכעל געטאָן צו איהר מאַן — איז איינס פאַר מיר און איינס פאַר מיין מאַן, צוויי קינדערלאַך איז ניט געפעהרליך אַז עלטערען האָבען...

נו, דאַרף מען זאָרגען?

געוועז איז דאָס אויף מאָרגען נאָך דער חתונה.

די יונגע פּאָרעל זיינען געקומען אין זייערע רומס אַלעס צו ברייגנען אין אָרדנונג, אויסצולייגען די קאַרפּעטס אויף די פלאָרס, איינפיקסען דעם פּעטענט־שלאָס, און אויסשטעלען מיט אַ טאַלק די פּרעזענטען וואָס „מען וועט ברייגנען".

יעס, זיי האָבען ערוואַרטעט אַ סך פּרעזענטען.

אַוועק איז אַ האַלבער טאָג, און די יונגע פּאָרעל זיינען גע־וואָרען אומרוהיג. קיינער איז ניט געקומען. אַ לעבעדיגער נפש האָט זיך ניט באַוויזען.

„איך האָב דיר געזאָגט", האָט דער יונגער באַלעבעסעל אַבי־סעל אין בעס'לאָך געמורמעלט — „איך האָב דיר געוואָרענט: פאַרלאָז זיך ניט אויף קיינע פּרעזענטען! דו האָסט צוויי הונדערט דאָלאַר, געה אַריין אין סטאָר און קויף וואָס דו דאַרפסט, וועסט וויסען אַז דאָס איז דיין אייגענס. ניט מאַכען אַ חתונה אין אַ האָל און יעצט וואַרטען מען זאָל דיר ברייגנען אַ האַלבען דאָזען „בודניקעס" מיט אַכטצעהן וואָש־בּרעטלאָך".

די יונגע ווייבעל האָט אַראָבגעלאָזט איהרע אויגען, און מיט אַ פאַרשעהמטען שמייכעל אויף די ליפּען, האָט זי איהם שטיל גע־טרייסט: „ערגער זיך ניט, סעמעלע, דער טאָג איז נאָך גרויס און דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען. מיר האָבען דאָך אַזוי פיעל פריינד, און וואָס זיי זאָלען ניט שיקען, וועלען מיר האָבען אַ פולע הויז מיט פּרעזענטען, יעדער וועט דאָך עפּעס שיקען".

אַ קלאַפּ האָט זיך דערהערט הינטער דער טיהר, און שנעל ווי אַ בליץ איז די יונגע ווייבעל געלאָפען און געעפענט.

„וואוינט דאָ מיסטער גאָטליעב?" — האָט אַ מאַן געפרעגט.

„דאָ, דאָ", האָבעןביידע געענטפערט, און ברייט צועפענט די טיהר.

„איך האָב אייך געבראַכט אַ פּרעזענט", האָט דער מאַן אויף שנעל זיי געזאָגט, זעהענדיג ווי זיי זיינען נייגעריג געווען גיכער צו וויסען.

„א פרעזענט? פון וועמען?“ האט די יונגע ווייבעל קווע־לענדיג פון פרייד ארויסגעזאגט.

„פון מיסטער ברוידא“, האט דער מאן געענטפערט און גע־לאזט זיך געהן אהיים.

דער יונגער באלעבעסעל האט אויף שנעל ארויסגעכאפט א קווארטער און געגעבען א טיפ צו דעם מאן.

„נו וואס האב איך געזאגט“? האט די ווייבעל געטאנצט פון שמחה. „זעה נאר, סעמעלע, זעה נאר, צוויי אייזענס, א וואש ברעטעל, א קאפע־קען און א טאץ. דאס איז 50 סענט, א דאלאר צעהן, צוויי פופציג, דריי דאלאר מיט דרייסיג סענט באטרעפט דער פרעזענט! נו, דו שלעכטער מענש וואס דו ביזט! זעהסט שוין אז א פרוי האט אלע מאל רעכט“!...

סעם האט באטראכט דעם פרעזענט, און אביסעל פארשעמט איז ער צוגעגאנגען צו זיין ווייבעל און האט איהר א הייסען קוש געגעבען.

„מען געהט!“ האט די יונגע ווייבעל א געשריי געטאן, און באלד האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיהר.

„וויינט דא מיסטער גאטליעב?“

„געוויס דא“, האבעןביידע אויף שנעל געענטפערט.

„טא זייט אזוי גוט און העלפט מיר ארויפטראגען א פאנא־גראף צו אייך“ — האט זיך דער מאן געווענדעט צום יונגען בא־לעבעסעל.

„א פאנאגראף?“ האט די ווייבעל איבערגעפרעגט, ניט גלוי־בענדיג וואס זי הערט.

„א פאנאגראף! א פאנאגראף!“ — האט איהר דער מאן פארזיכערט. — „דאס האט אייך געשיקט מיסטער סילווערמאן, דער פאנאגראף אגענט“.

און ביידע, סעם און דער עקספרעסמאן, זיינען ארונטער נאך דעם פאנאגראף.

שנעל האט די יונגע ווייבעל געמאכט פלאץ פאר דעם, און צעהן מאל איבערפרעגענדיג זיך אליין — „א פאנאגראף א פרע־

זענט, א ווי שעהן דאס איז!" — און איהר פּנים האט געשטראהלט פון פרייד.

אויף גיך האט זי געעפענט די טיהר און די צוויי מענער האבען אריינגעטראגען א וואונדער שעהנעם פאנאגראף. „דאס קאסט אפשר דריי הונדערט דאלאר!" האט זי אויסגעשריען פאר באגייסטערונג.

דער יונגער באלעבעסעל האט אויף גיך געשטעלט שנאפּס פאר דעם עקספּרעסמאן וואס האט געבראכט דעם שעהנעם פּרעזענט און האט איהם דערצו געגעבען א גאנצען דאלאר אלס טיפּ.

דער מאן האט זיי באטראכט ווי משוגעים, ער האט צוגענומען דעם טיפּ און האט זיי ערקלעהרט — אז מיסטער סילווערמאן וועט זיין אין אבענד און זיי ווייזען ווי זיך צו באגעהן מיט דעם פאנאגראף.

אז דער מאן איז ארויס פון הויז, האבען זיך ביידע שטארק צעלאכט, האבען זיך גענומען פאר די הענד און געגאנגען א טענצעל.

„אט דאס איז א פּרעזענט!" האט זי איהם מיט ליבע א קלאפּ געטאן אין פּלייצע און מיט פליים זיך גענומען אבשייערען א פּאר פלעקען פון דעם פאנאגראף.

אין אבענד אז מיסטער סילווערמאן איז געקומען האט ער געטראפען די טישען געגרייט מיט אלדאס־גוטס.

„דאס איז ספּעשעל פאר אונזער פריינד סילווערמאן", האט די יונגע ווייבעל באמערקט, און האט ניט געוואוסט וואס צו טאן פאר פרייד, יעדע ווייל האט זי אריינגעבראכט אנדערע קייקס, א בעסערען וויין, נאך א סארט דזשעלי, און דער יונגער באלעבעסעל האט זיך געבעטען דאס מיסטער סילווערמאן זאל פון יעדע זאך פארזוכען.

ווען מר. סילווערמאן האט שוין פון אלעס פארזוכט, איז ער צוגעגאנגען און באטראכט זיין פאנאגראף.

„נו, יונג־ווייבעל", האט ער זיך געווענדעט צו איהר, „וואס זאגט איהר עפּעס אויפ'ן פאנאגראף?"

„וועגען פאנאגראף איז שוין גאר ניטא וואס צו זאגען",

האט געענטפערט דער יונגער באַלעבעסעל, „אויב זאָגען עפּעס האָב איך וועגען אייך, מיסטער סילווערמאַן! מיר זיינען באַגייסטערט פון אייך פון אייער וואונדערבאַרען געשמאַק. וואס איהר האט צוגעטראָפען פּונקט דאָס וואס מיין ווייבעל האט געגאַרט צו האָ־בען“.

„אויב אזוי, הייסט דאָס, קענען מיר ריידען ביזנעס“, האט געזאָגט דער אגענט.

„ב־י־ז־נ־ע־ס?“ האט די יונג ווייבעל שטאַמלענדיג אַ פרעג געטאָן.

„איך מיין“, האט דער אגענט שמייכלענדיג ערקלעהרט, „ווי דיינקט איהר צאָהלען, פון וואָך אָדער פון מאָנאַט? — פאַרשטעהט איהר מיך, דאָס באַטרעפט הונדערט פינף און דרייסיג. אַלזאָ פינף מאָל איך אייך אַ פּרעזענט, און דאָס לעצטע קענט איהר צאָהלען ענטוועדער פון וואָך, אָדער פון מאָנאַט“.

„וו־אַ־ס? האט די יונגע ווייבעל אויסגעשריען — און דאָס פּאַרעל האָבען זיך אַ מינוט אָנגעקוקט, און געפאַלען אין חלשות.

„וואס חלש'ט איהר?“ האט דער אגענט זיי גענומען מינטע־רען.

„נאָכ'ן פאָנאָגראַף... נאָכ'ן פ־אָ־נ־אָ־ג־ר־אַ־ף“... — האט די יונג ווייבעל געשטאַמעלט.

גליקלאָך פון אומגליקען.

צום ערשטען מאָל ווען איך האָב באַזוכט מיין לאַנדסמאַן משה בולמאַשקע, בין איך שטעהן געבליבען ביים טיהר ווי ערשטוינט. סך הכל, וויים איך, פאַרדינט ער צוועלף דאָלאר אַ וואָך, פאַרמאָגט אַ ווייב מיט זיבען קינדערלאָך און ווען ניט ווען דאַרף ער נאָך ארויסהעלפען זיין שווער און שוויגער אויך.

און דאָ אַז איך האָב דערזעהן פאַר מיינע אויגען שטעהענדיג אַ פּיאַנאָ מיט אַ וויקטראָלאַ, האָב איך ניט אַנדערש געדענקט, אַז

איך האָב דאָ אַ טעות. און האָב מיר טאַקע גלייך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר אויף צוריק.

אַ שטימע האָט מיך אָבער באַלד צוריקגעקערט און איך האָב דערזעהן מיין לאַנדסמאַן בולמאַשקע.

מיסעם בולמאַשקע האָט מיך גלייך אַריינגעפיהרט אין פראָנט־רום און מיר געבעטען זיך צו זעצען אין אַ גרויסען פּליושענעם אָרם־שטוהל.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געקענט זיך זעצען פון איי־בעראַשונג, אַז ביי משה בולמאַשקע זאָל שטעהן אַ שראַנק מיט ביכער. און באַלד האָב איך אויך דערזעהן טהייערע בילדער אויף די ווענט. און ווי קומט צו איהם אַ פּיאַנאָ? — האָט מיר גענר־מען ענגבערען אין קאָפּ. ער פאַרדינט דאָך פאַרט ניט מעהר ווי צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. די קינדער ברענגען איהם אויך ניט אַריין קיין געלט. וואָס קומט דאָ פאָר?? — האָב איך מיר אַרומגע־שפּאַנט איבער'ן פראָנט־רום און געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

— וואָס טראַכט איהר? — גיט מיר פלוצים משה אַ פרעג.

— איך טראַכט, — זאָג איך, — ווי קומט צו דיר אַזאַ הויז?

— וואָס הייסט ווי אַזוי? — צעלאַכט זיך משה. — יאָסע־לע, גיט ער אַ רוף צו זיין אינגערען אינגעל און ווייזט מיר אַן אויף איהם, — דו זעהסט, זאָגט ער, דעם חברה־מאַן? ער האָט מיר פאַרדינט די פּיאַנאָ.

— ווי אַזוי? — קוק איך איהם אָן פאַרוואונדערט.

— גאַנץ איינפאַך, — גלעט משה דעם קליינעם יאָסעלען איבער'ן בעקעל, — ער איז אַראָפּגעפאַלען אין קעלער. האָב איך אַנגעקלאָגט דעם לענדלאָרד און געוואונען 500 דאָלאַר.

— נו, און די וויקטראָלאַ? — בין איך שוין געוואָרען נייי־געריג צו וויסען.

— די וויקטראָלאַ? — זאָגט משה איבער מיט שטאָלץ, — אַ לעבען אויף מיין דזשייקעלען! ער האָט זיך אַנגעהאַנגען אויף אַן אויטאָמאָביל און איז אַראָפּגעפאַלען. נו, האָט ער זיך צעבראָכען אַ הענטעל, און דאַנקען גאָט, געקראָגען 80 דאָלאַר.

און ווענען מיינט איהר האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר'ן שראַנק מיט די ביכער? פון צוועלף דאָלאַר אַ וואָך וואָלט איך געקענט דאָס אַלעס באַווייזען? אַ געזונט אויף מיינער טאָקע. זי אַליין האָט דאָס איינגעשאַפט אין הויז. געכאַפּט דאַרטען אַ כמאַליע מיט אַ שטיקעל סילינג ביי מיר אין קיטשען. האָט זי געקראָגען זעכציג דאָלאַרעס. וואָס מיינט איהר, מ'קען היינטיגע צייטען לעבען מיט צוועלף דאָלאַר? נאָר אַז גאָט שיקט צו אַ זייטיגען סענט איז אָט ווי עס איז, געהט דאָס. און דו מיינסט — זאָגט ווייטער משה, זיך גלעטענדיג דעם בייכעל — גאָט וועט מיר נאָך ניט העלפען אויף איין אייגענע פּראָפּערטי? אַלץ איז מעגליך.

אזוי אין די רייד לויפט אריין אַ יונגער מאַן און זאָגט אַז משה'ן, אַז די שוויגער איז אַראָפּגעפאַלען פון אַ קאַר.

— פון אַ קאַר? — האָט משה איהם צעשראָקען אַ פרעג געטאָן. — איז כאָטש דאָ דער נאָמבער? ? ?...

— יעס, — האָט איהם פאַרזיכערט דער יונגער מאַן.

משה האָט באַלד אַ כאַפּ געטאָן דעם ראָק, באַקלאָרענדיג זיך אַז אַלעס וואָלט געווען אַללרייט, ווען ער וואָלט שוין פאַרמאָגט עפּעס אַן אייגענעם לאָיער... און ניט דאַרפען אָנקומען צו פרעמ־דע, וואָס רייסען פון איהם די הויט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער האָב איך אין אַ פריה מאָרגען געטראָפען משה'ן זיך שטופּענדיג אויף אַ געפּאַקטע קאַר.

— משה! — האָב איך צו איהם אַ געשריי געטאָן, — וואָס שטופּסטו זיך? דו וועסט דאָך נאָך חלילה אַראָפּפאַלען!

— עס מאַכט ניט! — האָט מיר משה קאַלטבלוטיג געענט־פערט, — איך האָב שוין געקויפט אַ הויז, דאַרף איך איינצאָהלען דעם צווייטען מאָרטגיידזש...

אַרויסגעשטעלט די לענדלאָרדס.

מיסטער שטיינבערג, דער לענדלאָרד, איז געווען זעהר שטרענג מיט זיינע טענענטס. רענט האָט געמוזט זיין פּונקט דעם ערשטען, אַז ניט איז אַ „טו לעט" און אַ נייער טענענט.

איינמאָל האָבען די טענענטס געמאַכט אַ פּאַראַייז, אויסגע־וועהלט אַ קאָמיטע און געשיקט די קאָמיטע צום לענדלאָרד, איהם בעטען אַז ער זאָל ניט זיין אַזוי שטרענג וועגען די רענט.

„איהר מיינט אַז די רענט איז פאַר מיר?" האָט מיסטער שטיינבערג גע'טענה'ט. „איך דאַרף אויך צאָהלען. איך דאַרף צאָהלען מאָרטגיידזשעס, טעקסעס, אַסעסמענטס, און אַ דזשעני־טאָר, און קויהלען בילס, און ווען איך צאָהל ניט, וויל מען מיר אויך ניט וואַרטען".

די קאָמיטע האָט זיך אויף אַזאַ תשובה ניט גערעכנט, און זיי זיינען געבליבען שטיל.

„ווייסט איהר וואָס", האָט דער לענדלאָרד זיי פאָרגעשלאָ־גען, „נעהמט איהר איבער די הויז ביי מיר, און זאָלען די טענענטס ווערען לענדלאָהדס, און אַנשטאָט צו צאָהלען מיר רענט, זאָלען זיי צאָהלען די מאָרטגיידזשעס און די אַלע אַנדערע זאַכען".

די טענענטס איז דער פּלאַן געפעלען געוואָרען, און זיי האָ־בען איבערגענומען די הויז.

די טענענטס זיינען יעצט געוואָרען די לענדלאָרדס, 32 זיי־נען זיי געווען. און די נייע 32 לענדלאָרדס האָבען פון זיך אויסגעוועהלט אַ מאַן, אַ סופּעראינטענדענט, וואָס זאָל קאָלעקטען פון אַלעמען דאָס געלט אויף צו צאָהלען די מאָרטגיידזשעס, די טעקסעס און אַזוי ווייטער.

אַזוי זיינען אַוועק צוויי מאָנאַטען און אַלע האָבען געצאָהלט. אויף דעם דריטען מאָנאַט האָבען שוין זעקס לענדלאָרדס פאַרגע־סען באַצאָהלען צו דער צייט. און ווען דער סופּעראינטענדענט, מיסטער וואַשטאַפּ, איז געקומען מאַהנען דעם חלק וואָס זיי דאַר־

פען באצאהלען, האבען זיי איהם באגעגענט מיט שווארצען חלום צו זיין קאפ.

„אויב צאהלען רענט, האב איך דאך געקענט מיסטער שטיינ־בערג'ן", האט זיך צושריען א יונגע ווייבעל, „אויב שאפען רענט דעם ערשטען", — האט געשריען א צווייטע, — האב איך אין דער ערד די גאנצע „לענדלעריי".

אזוי האט מען געענטפערט ביי אלע זעקס „לענדלארדס!" אז מיסטער וואשטאפ האט דערזעהן די געפאהר, האט ער פאררו־פען א מיטינג פון אלע לענדלארדס און האט זיי ערקלעהרט די חוצפה פון די זעקס נייע לענדלארדס.

„אויב זיי וועלען ניט צאהלען, וועלען מיר אויך ניט צאה־לען!" האט זיך דערהערט א פאראייניגטער געשריי פון די איבע־ריגע „לענדלארדס".

„אויב איך בין א לענדלארד" — האט זיך צעשריען איינער פון די זעקס, „דארף איך נעמען רענט און ניט געבען".

„גערעכט!" האבען נאכגעשריען די איבעריגע. און א פאר־שלאג איז געמאכט געווארען צו סטאפען צאהלען רענט.

„וועט מען דאך אונז דא ניט לאזען וואהנען," האט זיך צע־שריען א פראקטישער „לענדלארד", מ'וועט דאך אונז מאכען צו מופען.

„טא צאהלט!" האבען איהם געענטפערט די אנדערע.

און נאך א קורצער דעבאטע זיינען אלע געקומען צום שלום אז די זעקס זיינען גערעכט און איינשטימיג איז באשלאסען גע־ווארען ניט מעהר צו צאהלען...

דעם נעקסטען מאנאט ווען א קאלעקטאר איז געקומען נאכ'ן „מארטגיידזש", איז שוין קיין סופעראינטענדענט ניט געווען, און נאכדעם ווי דער קאלעקטאר האט זיך געזעהן מיט צוויי און דריי־סיג לענדלארדס, איז ער אוועק מיט ליידיגען א היים... און אלע לענדלארדס זיינען געווען זעהר צופרידען פון זייער באשלוס! אבער ליידער ניט אויף לאנג...

ענדע מאנאט האט פאסירט דאס ערשטע מאל אין דער גע־

שיכטע אַז צוויי און דרייסיג לענדלאָרדס מיט זייערע בעבּיבעס זיינען אַלע געשטאַנען אין סטריט...

דער טעות פון אַ „קווין“.

אַלע האָבען געקענט יונה טעשעל פאר אַ קלאָוקמאַכער, ווייל דאָס איז געווען זיין טרייד. יונה האָט אָבער געהאַט אַ צווייטע טרייד פון וועלכע ניט אַלע האָבען געוואוסט, און דאָס איז — פּאָוקער.

מענשען וואָס קענען די ליין „ארבייט“, האָבען דאָס באַלד אַן איהם דערקאַנט, ווארום אַז יונה פלעגט געהן אין גאַס, האָט ער קיין מאָל ניט גערוהט. זיין בעסטער פאַרגעניגען איז געווען „דילען“ מיט איין האַנט אין דער צווייטער. אין הויז האָט ער געהאַט פיעל צרות צוליעב זיין שרעקליכער געוואָהנהייט, דער ווייב האָט ער ניט גערופען מיט איין אַנדער נאָמען ווי „קווין“, דעם שוועער „קעניג“, און זיין קליין אינגעלע „דזשעק“. און האָט ער אַמאָל געוואָלט זיך אויסהיטען פון צו רופען איהר מיט אַזאַ נאָמען, און אנשטאָט זאָגען קווין, זאָגען ציפּע, פלעגט ער אַ שטאַמעל טאָן אין די רייד און אויסשרייען „שיפּע“. אַזוי פאַרטאָן איז ער געווען אין זיינע קאַרטען, אַז דאָס איז איהם פון זינען ניט ארויס.

זיין ווייבעל איז אָבער געווען אַ גרינע, און האָט ניט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך. אויף איין זאַך האָט זי זיך נאַר באַקלאָגט, וואָס יונה איז קיין מאָל ניטאָ אין הויז. צום סאַפּער איז ער קיין מאָל ניט געווען פריהער ווי אַכט אַ זייגער. געלאָסען פלעגט ער זיך אויפמאַכען די טיהר און אריינקומען מיט אַ בלאָסען אָפּגעצערטען פּנים, אַז דאָס הארץ פלעגט איהר פאַרקלעמען, און שטיל, טרויעריג פלעגט זי איהם אַ פרעג טאָן: „וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?“

„דו רעדסט נאַר, קווין", פּלעגט ער בייז אַ געשריי טאָן, „ווייסטו ניט אַז איך אַרבייט אוּוערטיים?"

„אוּוערטיים?" — האָט זי שטיל איבערגעזאָגט, און באַ־דויערט איהם שטאַרק.

אַ צווייטען טאָג איז ער געקומען שפּעט צוליעב דער קאַר, אַ דריטען — צוליעב אַ שאַפּ־מיטינג; אַ פערטען — צוליעב „פּעידעי". אַט אַזוי האָט יונה אימער געהאַט דעם תירוץ צו דער האַנד.

און זיין שטיל, גרינע ווייבעל פּלעגט דאָס אַננעהמען פאַר גוט. און יונה האָט געטאָן זיין אַרבייט...

פּיעל שעהנערע בלאַפס האָט שוין יונה געהאַט אויף נאָך סאַפּער, צו קענען אַוועקגעהן פון הויז. און יעדען מאָל איז איהם געלונגען.

אַזוי האָט פאַרשוואונדעט יונה אַ שעהנע פּאָר יאָהר פון זיין לעבען, ביז זיין ווייבעל האָט זיך „אויסגעגרינט".

זי האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשטעהן זיין „שפּראַך" און קוקען אויף איהם מיט אַנדערע אויגען.

און אין אַבענד ווען אין הויז איז געווען רוהיג און זי פּלעגט איינע אַליין דאַרפען זיצען, האָט זי אָנגעפאַנגען צו פרעגען אַליין ביי זיך, „וואו איז יונה?"

איהר נעקסטדאָרינע פּלעגט אַוועקגעהן מיט איהר מאַן אין מעאַטער, די אַנדערע פרויען מיט די קינדער, צוזאַמען מיט זייערע מענער — אין גאַס, און זי האָט נעבאַך אַליין געדאַרפט וואַרטען אויף איהר מאַן.

„ניין!" האָט זי בייז אַ געשריי געטאָן אַליין אויף זיך. „איך טאָר לענגער ניט וואַרטען, און אויף שנעל האָט זי גענומען דאָס טעפּעל מיט'ן פליישׁ און זופּ און זיך אַ לאָז געטאָן צו יונה'ן אין שאַפּ. מיט שטילע טריט איז זי אַרויף די טרעפּ, און צולעגענדיג דעם אויער צום טהיר, איז זי איבעראַשט געוואָרען ווי איהר יונה האַלט איהר טהייער אין מויל. יעדע מינוט דערמאָנט ער „קווין", „קעניג", „דזשעק". האַסטיג האָט זי אָן עפען געטאָן די טהיר, און שנעל צוגעלאָפען צום קליינעם טישעל.

„דו ארבייטסט אָווערטיים ?!" — האָט זי אַ מורמעל געטאָן אַ צעשראָקענע.

„וואָס טוסטו דאָ ?" האָט ער איהר נערוועז אַ פרעג געטאָן.

„איך האָב פאַר דיר סאַפּער!" האָט זי אַ שמייכעל געטאָן.

„גיב טאַקע אַהער — אַ לעבען אויף דיר", האָט ער מיט פרייד געענטפערט אויף איהר שמייכעל.

און ניט וואַרטענדיג אַ מינוט לענגער, האָט זי איהם דער־לאַנגט די פליישׁ אין פּנים, די זופּ אויפ'ן קאָפּ, און איהם אַרונ־טערגעפיהרט פאַר'ן אויער פון אַלע טרעפּ.

און דאַן האָט יונה איהר צוגעשוואָרען ניט מעהר צו שפּילען קיין קאַרטען, און ער האָט געהאַלטען וואָרט.

* * *

לאַנג האָט ער זיך אָבער ניט איינגעהאַלטען.

יונה האָט איין אָבענד גע'פועל'ט ביי זיין ווייבעל, אַז זי זאָל איהם לאָזען געהן צו אַ ספּעשעל מיטינג פון זיין לאָדזש.

ווי דערפרעהט איז אָבער יונה געוואָרען ווען ער האָט געטראָ־פען זיינע ברידער „מיטענדיג" ביי אַ טעשעלע קאַרטען. זיין האַרץ האָט אָנגעפאַנגען קלאַפּען, זיינע הענט ציטערען, און מיט פרייד האָט יונה אָנגענומען די איינלאַדונג צום טיש.

„בלויז אויף איין שטונדע", האָט יונה אַ שפּאַס געטאָן.

„דו וועסט בעסער ווערען", האָט געזאָגט דער טשערמאַן פון פעראיין, און האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

און יונה האָט זיך פלייסיג פאַרנומען מיט דעם פּאָוקער. דעם ערשטען קוק אויפ'ן זייגער, ווען יונה האָט געגעבען, איז שוין גע־ווען האַלב נאָך איינס, און גאַנץ ווייט אונטערשטעליג איז יונה געשטאַנען מיט זיין קרן. ער האָט זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן און מיט אַ נייעם מוט אָנגעפאַנגען צו שפּילען.

„וואָס עס זאָל ניט זיין", האָט ער מיט אַ כלומרשט'ן שמייכעל אויסגערופען, „איך מוז מאַכען אויף אַ גענזעל".

אומבאַמערקט איז פאַרשוואונדען די נאַכט, דער מאָרגענ־

שטערן האָט זיך באַוויזן, און די גרויקייט פון פריה־מאָרגן האָט שוין אַריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער.

אויפגערעגט האָט זיך יונה אַ שטעל געטאָן, און מיט אַ ביטערקייט אויף די ליפּן, האָט ער אַ וואָרף געטאָן די קאָרטן. „איך האָב מיין קרן!" האָט ער ווילד אַ געשריי געטאָן, און גענומען גיך זיין איבערראָק און ווי אַ ווינט איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, אַלעס האָט געפראָרן, און יונה האָט שטיל זיך אַ לאָז געטאָן אויף די טרעפּ פון זיין הויז, געהיט זיך עס זאָל חלילה קיין סקריפּ ניט טאָן. געלאָסן האָט ער אַרויסגענומען דעם שליסעל און ציטערנדיג אויפגעשלאָסן די טהיר.

„זי שלאָפט!" האָט ער שטיל צו זיך געמורמעלט און זיין האַרץ האָט געקוואַלן פאַר פרייד.

שטיל האָט ער זיך אַריינגע'גנב'ט אין פראָנט רום און גענומען זיך אויסטאָן די שיך.

ער האָט זיך געאיילט, זיינע הענט האָבן געציטערט פון קעלט און אויפרעגונג, און ווי אויף צו להכעיס איז איהם אַרויסגעפאַלן דער שיך פון האַנט און אויפגעוועקט זיין ווייבעל.

„דאָס ביסטו, יונה?" גיט זיך זיין ווייבעל אַ כאַפּ, צעשראָקען.

„י־ע־ס, אַ־י־ד, מיין קוויןֿ", ענטפערט ער, און עס וואַרפט איהם אַ צאַן אין אַ צאַן.

„אַזוי פריה געהסטו שוין צו דער אַרבייט?" פרעגט איהם שטאַרק פאַרשלאָפן זיין ווייבעל. „דער זייגער איז דאָך ערשט פינף, דו קענסט דאָך נאָך שלאָפן אַ צוויי שטונדען, וואָרום שטעהסטו אויף אַזוי פריה?"

„טפו זאָל עס ווערען!" האָט זיך שוין יונה געמאַכט ניט וויסענדיג, און קוועלענדיג פאַר נחת פון דער קווין'ס טעות, האָט ער אַ לאַך געטאָן. „אַבי איך האָב געמיינט אַז עס איז שוין שפּעט. אויב אַזוי, מיין טהייערינקע, געה איך טאַקע נאָך שלאָפען".

יונה האט זיך אויסגעצוינגען אין בעט און ער האט אריינגע־
כאפט א פאר שטונדען פון דעם געשמאקסטען שלאף וואס ער
האט ווען געהאט אין זיין לעבען.

עס ברענט ניט...

„מיסטער שנעלער" איז א מענש וואס קוקט ניט אויף קיין
זייגער און נעמט זיך אויף אלעס צייט. „עס ברענט ניט!" ענטפערט
ער אין קורצען. „און אויב עס ברענט יע און אין פינף מינוטען
ארום דארף איינפאלען דער דאך, האב איך מיר נאך אויך צייט
4 מינוטען אויף ארויסצוגעהן", אט אזוי גיט ער זיך א שפאס און
זיצט ווידער.

חתונה געהאט האט מיסטער שנעלער צו פינף און דרייסיג
יאהר. פונדעסטוועגען האט ער פארשפעטיגט זיין אייגענע חופה,
און ווען די פריינד האבען איהם א פרעג געטאן וואו ער איז געווען
אזוי שפעט, האט ער זיי שטיל געענטפערט: „עס ברענט ניט!"

זעקס יאהר נאך דער חתונה, אז די שווינער האט א זאג גע־
טאן צו מיסטער שנעלער: „לויף גיכער צום דאקטאר, דיין פרוי
געהט צו קינד און דו ווערסט באלד מיט מזל א טאטע", האט זי
מר. שנעלער אויסגעהערט און ווידער געלעזען די צייטונג. און אז די
שווינער האט איהם א טורקע געטאן אין ארעם: „וואס זיצסט דו,
זי איז דאך געפעהרליך!" האט איהר שנעלער א וויילע באטראכט
און א מורמעל געטאן: „עס ברענט ניט!"

צו דער ארבייט האט מיסטער שנעלער יעדען טאג פארשפע־
טיגט. פלעגט איהם ווער א וועק טאן אין דער פריה, האט ער
זיך גלייך איבערגעקעהרט אויפ'ן צווייטען זייט, און מיט כעס א
בורטשע געטאן: „איך הער נאך ניט שרייען קיין פייער, עס
ברענט ניט".

און אז דער באס האט איהם אין שאפ אויפמערקזאם גע־

מאכט, אז ער דארף נויטיג די ארבייט, אז ער וועט נעמען א צוויי־טען אויף זיין פלאץ. ווען ער וועט אזוי פארשפעטיגען יעדען טאג, האט מיסטער שנעלער איהם רוהיג און געלאסען געענטפערט: „מיסטער שטיינפעלד, עס איז גאר ניט אזוי געפעהרליך, עס ברענט ניט..."

אזוי האט זיך מיסעס שנעלער געפלאגט פון איהם פאר יאה־רען און יאהרען, קיין מאל איז אין הויז ניט געווען קיין סענט, קיין מאל איז ניט געווען קיין קלייד און קיין מאל איז ניט געווען אויף קיין רענט.

פון ערשטען ביז׳ן לעצטען פלעגט דער לענדלארד קלאפען אין טהיר און מיסטער שנעלער האט געהאט איין ענטפער: „עס ברענט ניט!..."

פלעגט זיך די ווייבעל באקלאגען אז דער בוטשער וויל מעהר ניט בארגען, אז דער גראסערימאן האט איהר ארויסגעטריבען, אז די נעקסט־דאריגע רייסט איהר די פאלעס פאר די 12 דאלאר, און דער קאסטימער פעדלער וויל שוין אין גאנצען ניט אוועקגעהן פון הויז — פלעגט ער ווערען בייז ווי א טיגער און זיך צושרייען: „האב זיי טיעף אין דר׳ערד, עס ברענט ניט!..."

און אז עס פלעגט קומען זומער, די זון פלעגט זיך צוברע־נען, און יעדע פרוי איז זיך געפאהרען ווער אין א פארק און ווער אין קאנטרי, און אז זיין ווייבעל פלעגט ווען איין א שפאס באמער־קען: „איך ווער דאך מיט דעם קינד פארברענט פון היץ, ווען וועסטו אונז שוין שיקען אין קאנטרי?"

„איך האב נאך צייט", פלעגט ער איהר געבען באלד אן ענט־פער, „עס ברענט ניט!..."

אזוי איז זיך אוועק א טאג נאך א טאג און א וואך נאך א וואך, און מר. שנעלער׳ן האט ניט געקימערט פאר קיין זאך אין הויז. איבעראל איז שוין געווען געליהען און געבארגט, און פון אוועק־געבען האט ער ניט גע׳חלומ׳ט, ביז אלע טיהרען האבען זיך פאר איהם פארמאכט. דעם לענדלארד האט ער ניט באצאהלט פאר דריי מאנאטען רענט און ער האט זיך שוין געקליבען איהם ארויס־שטעלען אין גאס, און איין א שעהנעם פריה־מארגען איז אויך גע־

קומען דער געז־מאן און ניט האבענדיג „קאלעקטעד“ דעם ביל, איז ער נעגאנגען און פארמאכט די געז.

אין אבענד אז מיסטער שנעלער איז געקומען צו סאפער, האט ער געטראפען זיין ווייב זיצענדיג אין דער פינסטער.

„וואס איז דאס?“ — האט ער זיך צעשריען, — „נאך ניט צייט צו מאכען קיין סאפער, און ווארום צינדסטו ניט אן די געז?“ — האט ער זיך נאך העכער געבייזערט, — „עס איז דאך שוין שפעט?“

„עס ברענט ניט!...“ — האט זיך מרס. שנעלער מיט טרעה־רען צולאכט און אנגעצייגט איהר מאן צו דער געז רעהר.

ארייגעפאלען...

אבוואהל נאך גאר א יונגער מאן, איז שוין פון דעסטוועגען דאקטאר גרין געוועזן זעהר באריהמט.

יעדע פרוי האט געוואוסט אז אין א גרויס געפאהר מוז מען געהן צו דר. גרין, און ער האט געהאלפען, די געפעהרליכסטע קריינק אזוי ווי מיט דער האנט צוגענומען. אזוי איז זיין נאמען גע־וואקסען פון טאג צו טאג. פון איבעראל זיינען געקומען פאצי־ענטען צו דר. גרין און האבען איהם געבראכט פינפערלאך און צעהנערלאך.

דר. גרין איז ניט געווען ווי אלע דאקטוירים. ער האט זעל־טען ווען געשריבען א רעצעפט. ער האט געהיילט אהן מעדיציז. זיין מעטאדע איז געווען א נייע, אן אריגינעלע, און האט געווירקט שנעל און גוט.

פלעגט קומען צו איהם א פרוי ווינטער, זי האט זיך פארקילט, האט דר. גרין ניט לאנג געטראכט און געהייסען דעם מאן קויפען איהר א סעט פאר. די פרוי פלעגט פון דער רפואה ווערען גע־האלפען, און באלד האט זי איהם אדווערטייזט ביי אלע שכנים אז ער האט איהר געראטעוועט דעם לעבען.

איז געקומען א פרוי וואס איהר האט וועה געטאן אין האר־

צען, האט דער דאקטאר קיין סך ניט געטראכט און געהייסען זיך גט'ן מיט דעם מאן, וועט זי האבען א גאנצע הארץ. די פרוי איז באלד געווארען א געהאלפענע און זי האט זיין נאמען אויסגעפויקט איבעראל.

פלעגט קומען א פרוי זומער אין די הייסע מאנאטען, און זא־גען, אז זי איז שוואך, פלעגט ער קיין סך ניט טראכטען, ערקלעה־רען דעם מאן, אז זי מוז גלייך פארלאזען די שטאדט און פאהרען אין קאנטרי. און דערפאר פלעגען די פרויען איהם שיקען פאצי־ענטקעס אין די הונדערטער.

איין מאל האט פאסירט, אז א פרוי איז שטארק קראנק גע־ווארען, האט מען געבראכט איינעם פון די גרעסטע דאקטוירים. ער האט איהר אונטערזוכט און ערקלעהרט, אז זי ליידעט פון מאגען און האט איהר פארשריבען א רעצעפט. די פרוי האט די מעדי־ציז ניט געוואלט נעמען. האט מען באלד געבראכט א צווייטען דאקטאר, איבערגעגעבען איהם די געשיכטע, האט ער איהר אונ־טערזוכט און געקומען צום שלום, אז א חוץ וואס זי ליידעט פון מאגען, ליידעט זי אויך אויפ'ן מארד.

די פרוי האט איהם באלד געווארפען א גלאז אין קאפ און אויף גיך האט מען געבראכט א פראפעסאר.

דער פראפעסאר האט איהר אויסגעהערט, געטראכט א ווײלע און פארשריבען א מעדיצין, אלע שטונדע א לעפעלע צום מאגען, אלע צוויי שטונדען א לעפעלע צום מארד, און אלע פינף שטונדען לייגען הייסע קאמפרעסען. ווען די פרוי האט דאס דערהערט, איז זי א ווילדע ארויס געשפרונגען פון בעט, ווי א טיגער זיך ארויפגעווארען אויף דעם פראפעסאר, מען האט איהם קוים ארויס־געראטעוועט פון איהרע הענט, און איינע, א פרוי, א שכנה, האט געגעבען אן עצה מען זאל שיקען נאך דר. גרין.

דער דאקטאר איז געקומען, האט באטראכט די פרוי, און גע־זאגט, אז זי מוז שוין פארלאזען די שטאדט און פאהרען אויף א גאנצען זומער אין די מאונטיינס.

די פרוי האט פרייער אפגעאטעמט, געעפענט איהרע אויגען,

באקומען רויטע קאלירען אין די באקען, און האט שטיל א מורמעל געטאן: „גרויסער פּראָפעסאר! גאָט זאָל אייך באצאָהלען, ווייל איהר פיהלט און פארשטעהט מיין קריינק".

אין א פּאר שטונדען ארום, איז שוין די פרוי געזעסען אויפ'ן טריין צו דער קאַנטרי, און ווי א בליץ איז צעלאָפען די נייעס איבערן שטאָדט, אז דאָקטאָר גרין האט געראטעוועט די פרוי פון א זיכערען טויט.

די פרוי איז געקומען אין קאַנטרי און איז באלד געזונט גע־ווארען. זי האט אבער ניט געוואָלט ווארטען ביז גאָט וועט דעם גרויסען דאָקטאָר באצאָהלען.

ביי דער ערשטער געלעגענהייט האט זי באשלאָסען איהם אב־צודינען.

מאכט זיך א געשיכטע און די פאַרמערקע צעשטעכט זיך מיט א שטיק האלץ די פוס און עס ווערט איהר געשוואָלען.

ווען די פרוי האט דאס דערזעהן, האט זי איהר באלד גערא־טען, אז זי זאָל פאָהרען אין שטאָדט צום גרויסען דאָקטאָר גרין, ווייל אויף קיין אנדערע דאָקטוירים קען מען זיך ניט פארלאָזען. זי האט דאס שוין פּרובירט, און זי ווייס שוין.

טראכט ניט קיין סך די פאַרמערקע און פאָהרט גלייך אוועק.

אָפּשטעהענדיג דריי שטונדען אין דער ליין, האט זי ענדליך דערגרייכט צום „גרויסען פּראָפעסאָר".

ער האט איהר באלד א כאַפּ געטאן פאַר'ן פּולס, א קלאַפּ געטאן איהר אין הארצען, א קוק געטאן אויף איהר צונג, און איהר ערקלעהרט קורץ און שארף: „מיין טהייערע מיסעס לעבען! איך וועל אייך ערקלעהרען גאַנץ אָפענהערציג און טאַקע ווי א פריינד. איהר זייט זעהר ארים אין בלוט. איהר מוזט קריגען מעהר בלוט און איהר קענט דאס ניט באווייזען זייענדיג אין שטאָדט. איך ראטה אייך, אז אויב דער לעבען איז אייך ליעב, פארלאָזט גלייך די פארשטיקטע רומס פון שטאָדט און פאָהרט גיך אוועק אויף א פארם"...

— „וואס?" — האט זיך די פרוי צעלאכט — „איך קום דאך יעצט פון פארם, איך בין דאך א פארמערקע!..."

דער „גרויסער פּראָפעסאָר“ איז געבליבען שטעהן אַ פּאָר־שעמטער און דער שפּאַס איז אויף שנעל צעטראָגען געוואָרען צו אַלע פּאַציענטען וועלכע האָבען אויף שנעל דאָס ארויסגעבראַכט אין גאַס.

מיט דעם האָט זיך די גרויסע קאַריערע פון דעם פּראָפעסאָר געענדיגט. און היינט פּעדעלט ער ווידער מיט דזשאַנק...

י. ב. ג. א. ק. ג.

די גרופּע „כל בו“, וועלכע באַשטעהט פון צוועלף מיטגלידער, פון וועלכע זיבען זיינען אַהן שיך, צוויי אַהן קאָלערס, און דריי אַהן לאָזשי, האָבען באַשלאָסען צו לויפען אַ קאָנצערט.

ניט קיין סך געטראַכט, זיינען זיי אוועק און געדונגען דעם גרויסען באַטטערי־האָלל, פאַר אַ גרויסען אינטערנאַציאָנאַלען קאָנצערט און ארויסגעשטעלט אַ גרויסע סיין, וועלכע האָט זיך געלעזען ווי פאָלגט:

„צעהן טויזענט מענשען פאַרלאַנגט אַנצופילען דעם גרויסען באַטטערי־האָלל. בלויז מבינים זאָלען זיך מעלדען מיט 50, 75 סענט און אַ דאָלאַר פאַר אריינגעהן! ארויסגעהן פריי!“

„באַוואונדערט אונזערע כחות: דער כינעזישער אָרקעסטער וועט שפּילען „אלי אלי“ און אַ ברייוועלע דער כלה; דער אייג־ציגער אינדיאַנער וואָס מיר האָבען דאָ אין לאַנד, וועט זינגען „דאָס פּינטעלע איד; אַ ניגער פון די סאַוטה, וועט דעקלאַמירען „התקוה; די כאַפ טרופּע וועט שפּילען „שמע ישראל“, און דער באַוואוסטער מאָהלער „סאַזי מאַזי“ וועט מאָהלען בילדער. באַזאָרגט זיך גלייך מיט טיקעטס. אלס טשערמאַן איז קיין אַנדערער ווי חיים כאַפ“.

גאָר צולעצט זיינען געשטאַנען די פאָלגענדע בוכשטאַבען: „י. ב. ג. א. ק. ג.“, מיט אַ באַמערקונג: „נאָכ'ן קאָנצערט וועט איהר טרעפען וואָס דאָס מיינט“.

באלד ווי די סיין האט זיך באוויזען, זיינען טויזענטער מענ־שען געשטאנען און באוואונדערט די ריעזיגע קרעפטען, און דערביי האט זיך יעדער געבראכען דעם קאפ צו טרעפען די באדייטונג פון די זעקס בוכשטאבען, און מיט אומגעדולד האט יעדער געווארט ניכער צו דערלעבען דעם אבענד פון קאנצערט.

ענדליך איז געקומען דער טאג, און שוין זעקס אזייגער פאר־נאכט זיינען געשטאנען טויזענטער מענשען אין ליין און יעדער האט גערעדט מיט באגייסטערונג וועגען די גרויסע קינסטלער.

— דעם כינעזישען ארקעסטער האב איך שוין גראדע איינ־מאל געהערט — האט זיך א יונגער מאן באריהמט.

— און איך האב שוין דעם ניגער געזעהן — האט א צווייטער שטאלצירט.

פלוצלונג איז איבערגעריסען געווארען זייער געשפרעך און די טיהרען האבען זיך געעפענט. ווי א ווילדער מאב האבען זיך אלע א לאז געטאן צום באקס אפיס און געלט האט זיך געשא־טען ווי בלעטער.

פונקט אכט אזייגער איז שוין דער האל געווען געפאקט און א פארשוויצטער, א פארמאטערטער, האט זיך דער קעשיר מיט זיין שווערען טשעמאדאן אין האנט דורכגעשטופט דורך דעם גרויסען עולם וואס איז געשטאנען „דיסאפאינטעט“, ניט קריי־גענדיג מער קיין טיקעטס, און איז פארשוואונדען געווארען אין דעם גרויסען אטאמאביל.

אין האל איז דער עולם געזעסען מונטער און פרעהליך, ווער מיט אן עפעל און ווער מיט א מיידעל... מ׳האט געקוקט און גע־ווארט אויף דער גליקליכער מינוט. לאנגזאם האט זיך דער זייגער גערוקט פון אכט אויף ניין, און פון ניין אויף צעהן. דער גרויסער עולם איז שוין געווארען אומגעדולדיג און קיין קאנצערט איז ניטא.

א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין האל. דער עולם האט זיך אנגעפאנגען ארומצוקוקען. און פלוצלונג, ווי צוזאמענ־גערעדט, האט אויסגעבראכען א שרעקליכער אפלאוז וואס האט פארקלונגען דעם גרויסען האל.

א יונגער מאן, וואס איז געזעסען מיט זיין אייגענער ווייב...

האט פארלארען אינגאנצען זיין געדולד, קיין סך טראכטענדיג איז ער ארויף אויף דער פלאטפארמע, געפיקסט פאמעלאך זיינע זא־קען, ארומגעווישט די ליפען און האט אנגעפאנגען צו פראטעסטירען.

א מאן פון א יאהר דרייסיג מיט א פאר רויטע באקען, וואס איז געזעסען אין דער ערשטער רייהע (א דאלאר סיט), איז אויפגעשפרונגען ווילד ווי א טיגער, זיך א לאז געטאן אויף דער פלאטפארמע, און נים לאזענדיג דעם יונגען מאן רעדען מעהר א ווארט, האט ער מיט א שטימע פון א לייב, אויסגעשריען, האלטענדיג איהם פאר'ן נעקטיי: „דעם דאלאר אדער דיין לעבען"... (און וואונדערבארע אפלאדיסמענטען האבען באגריסט דעם העלד).

— וואס האט איהר צו מיר? — האט זיך שטיל אנגעפאנגען צו בעטען דער אומשולדיגער יונגער מאן — איך בין אויך איינער פון די אבגענארטע...

— וועמען נעמט איהר אויף זיכער? — האט זיך דער איד מיט די רויטע באקען נאך העכער צעשריען, און באלד איז דער יונגער מאן געלעגען ווי א לאקס אויסגעצויגען איבער דער גאנצער פלאטפארמע.

מיר זיינען נים געקומען זעהן קיין „פרייז־פייט" — האט זיך דערהערט א געשריי אין האל — מיר ווילען קאנצערט, ווילען מיר.

באלד איז ארויף א שעהנע ווייבעל מיט שווארצע אויגען אויף דער פלאטפארמע און האט אנגעפאנגען צו מינטערען דעם יונגען מאן:

— איך האב זיך ביי דיר געבעטען — האט די ווייבעל ביטער געוויינט — יאסעל, געה ניט! דער עולם זיצט, זיץ אויך! און איצט ליגסטו, וועה איז אונז.

— זי בלאפט — האט זיך באלד דערהערט א שטימע פון פאלק — זי איז איינע פון דער אראנדזשעמענט קאמיטע...

און באלד האט דער איד מיט די רויטע באקען געטאן זיין פליכט, און דער צווייטער קרבן איז געפאלען.

און אזוי, אין א צייט פון צעהן מינוטען, איז געווארען א שלאכט הויז אין גרויסען האל, יעדען האט מען אנגענומען פאר א קאמיטע־מאן, און יעדער האט געכאפט קלעפ.

מיט גאנצע ביינער זיינען נאר ארויס די, וועלכע זיינען גע־שטאנען נאהענט צו דער טהיר...

אין דרויסען, שטעהענדיג צוקיילטע, צובייליטע, קוקענדיג אויף דער סיין, האט שוין יעדער קלאר פארשטאנען די באדייטונג פון די זעקס בוכשטאבען: „י. ב. ג. א. ק. נ.“ — „יאלדען ברענ־גען געלט און קלוגע נעמען“...

פריש, געזונט און ביליג.

צום ערשטען מאל אין זיין לעבען, האט נח גענזעל, באזוכט די גרויסע שטאדט, ניו יארק.

געהערט האט ער פון איהר שרעקליכע זאכען. איין קליי־ניגקייט, ניו יארק!

און אז נח גענזעל האט שוין געקראגען די געלעגענהייט זיך ארויסצורייסען פון זיין פארם, וואו ער האט זיין גאנצען לעבען פארבראכט, האט ער זיך געפיהלט איבערגליקלאך, און באשלא־סען צו זעהן אלעס וואס עס קומט פאר, וואס עס טוט זיך אין דער גרויסער שטאדט פון שווינדלעריי...

אזוי איז נח געגאנגען פון סטריט צו סטריט און אלעס בא־וואונדערט, ביז ער איז געקומען אויף סעקאנד עוועניו. אזוי געה־ענדיג און ווארפענדיג בליקען אויף די פענסטער, האט ער דער־זעהן א סיין פון א רעסטאראנט, אויף וועלכע עס איז געווען אנ־געשריבען „וועגעטאריאנער רעסטאראנט, אלעס וואס איהר עסט ביי אונז איז פריש, געזונט און ביליג“.

אז נח האט דערזעהן אזא סיין, האט ער זיך געשטעלט און געוואונדערט, ווייל ער האט זיך זעהר פיעל אנגעהערט וועגען די ניו יארקער רעסטאראנטס, און גלייך האט ער ביי זיך באשלאסען

צו זעהן ווי אמת די סיין שרייבט און מיט א שמייכעל אויף די ליפען איז ער אריין אין רעסטאראנט.

— וואס וועט איהר עסען? — גיט א פרעג א ווייטער ביי נח געגזעל.

— איך ווייס?! — קוועטשט ער מיט די פלייצעס — איז טאקע ביי אייך אלעס פריש און געזונט?

— אלעס איז פריש און געזונט! — זאגט איהם אויף שנעל דער ווייטער — זאגט נאר וואס איהר ווילט.

— איך ווייס? — גיט געגזעל ווידער א קוועטש מיט די פלייצעס — גיט מיר, ג״י״ט מ״י״ר, א סטייק אבער א פרישען.

— ביי אונז איז ניטא קיין סטייק! — ענטפערט דער ווייטער מיט כעס.

— נו, טא גיט מיר קאלבען פלייש! — זאגט זיך קאלטבלוטיג געגזעל.

מיר סערווירען ניט קיין פליישען! — האב איך אייך איין מאל געזאגט — און פאר כעס האט ער א וויש געטאן נאך אמאל דעם טיש.

— טא וואס שרייט איהר? — פארענטפערט זיך געגזעל — איהר האט ניט קיין פלייש? טא גיט מיר א שטיקעל פיש — אבער ניט קיין געפילטע.

— אבער אום גאטעס ווילען! — צושרייט זיך שוין דער ווייטער — וויפיעל מאל ב׳דארף מען אייך זאגען, אז מיר סערווירען ניט קיין „לעבעדיגע זאכען“.

— חלילה — צעלאכט זיך געגזעל אויפ׳ן קול — איך וויל ניט קיין לעבעדיגע זאכען, איך וויל געשאכטענע, טויטע, צום עסען. ווער בעט ביי אייך לעבעדיגע? נאר אז איהר האט ניט קיין פיש, טא זאגט זשע, שעמט אייך ניט, דאן קענט איהר מיר געבען א „טאמייטא הערינג“, אדער א באקסעל סארדינס... אבי נאר פריש און געזונט...

— אבער מענש — איז שוין דער ווייטער ארויס פון געדולד. ווי פיעל מאל דארף איך אייך ערקלעהרען, אז דא איז א צער־בעלי־חיים רעסטאראנט, ביי אונז שעכט מען ניט. ביי אונז טאר

ניט קומען קיין עסען פון א זאך וואס האט געלעבט, דאס איז א וועגעטאריאנער רעסטאראנט, איהר פארשטעהט, צו ניין?

— א, יעצט פערשטעה איך — האט זיך נח צעלאכט — אויב אזוי גיט שוין עסען וואס איהר האט, אבי עס איז נאר פריש, געזונט און ביליג.

באלד האט זיך דער ווייטער ארומגעווישט דעם שוויס און געגומען סערווירען דעם פארמער א מאלצייט.

דער פארמער האט געשלונגען די עסענס און געקוועטשט מיט די פלייצעס. געה לעב מיט גראז, האט ער שטיל צו זיך געמורמעלט, און דערביי געארדערט א צווייטע פארציע, און נאך דער צווייטער א דריטע, אבער הונגעריג איז ער נאך אלץ געווען. א! האט זיך נח א כאפ געטאן. אט דאס אליין מוז אויך זיין איינע פון די קונצען אין דער גרויסער שטאדט.

ווען נח האט זיך שטארק פארטראכט איבער די קונצען פון דער גרויסער שטאדט, האט איהם דער ווייטער דערלאנגט א ביל פאר'ן עסען, וועלכער האט באטראפען א דאלאר מיט פופציג סענט.

אז נח האט דערזעהן דעם ביל, האט ער פארבראכען מיט די הענט. ער האט זיך אבער געמאכט הארץ און באצאהלט.

ארויסגעהענדיג פון רעסטאראנט, האט נח געמורמעלט אליין צו זיך: אז די וועלט זאגט שווינדעל דארף מען גלויבען.

אט דאכט זיך פיינע לייטע, מ'שעכט ניט קיין בהמות, מ'עסט ניט קיין לעבעדיגע זאכען, און פון מיר האבען די באנדיטען אראפ־געשונדען די הויט. אט האסטו דיך פריש, געזונט און ביליג...

א לעסאָן אין ביזנעס.

אויף מארגען נאך דער חתונה איז צום ערשטען מאל געקומען די יונגע ווייבעל צו באזוכען דעם גרויסען קלאדינג געשעפט פון איהר מאן און זעהן ווי ער טוט ביזנעס.

דער ערשטער קאסטימער איז אריין. די יונגע ווייבעל איז געווארען נייגעריג צו זעהן, ווי איהר יונגערמאן מאכט א סייל, און

דערביי צו קריגן עקספּיריענס איהם אויך אַרויסהעלפען אין אַ ביזי צייט.

דער קאַסטימער האָט זיך אַנגעפאַנגען צו דינגען, און איהר מאַן האָט איהם געזוכט צו באַווייזען, אַז דער אַנצוג איז אַ מציאה די געלט.

זי האָט זיך צוגעהערט און געשלונגען יעדען וואָרט פון איהר קלוגען מאַן — אַ געבוירענער סוחר!

דער קאַסטימער האָט ווייניג וואָס זיך צוגעהערט צו זיינע רייד. נאָר טאַפּענדיג די סחורה פון ביידע זייטען, האָט ער גע־קוועטשט מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: „איך קען שוין די אַמעריקאַנער בלאָפס! איהר נעמט 12 דאָלער?" האָט ער אַ מור־מעל געטאָן, „און פאַרקריינק איך דעם סענט וואָס איך וועל אייך געבען מעהר", האָט שוין דער קאַסטימער אַרויסגעזאָגט אין העכע־רען טאָן, זיך לאָזענדיג צו דער טיהר.

— „זאָל איך אַזוי האָדעווען געזונטערהייד מיינע קינדער!"

— האָט זיך געשוואָרען דער יונגער ביזנעסמאַן — „ווי מיר קאָסט דער אַנצוג אַליין מעהר, ווי די געלט", און האָט זיך גלייך אַרויס־געלאָזט נאָך דעם האַסטימער אין גאַס.

די יונגע ווייבעל איז געבליבען שטעהן ווי פּאַראַליזירט, אָבער באַלד איז זי צו זיך געקומען, אַ כאַפּ געטאָן איהר מאַנטעל און מיט אַ צעבראָכענע האַרץ פאַרשוואונדען געוואָרען פון סטאָר.

אין אָבענד איז אַ גליקליכער דער יונגער ביזנעסמאַן געקומען אַהיים צו זיין יונג ווייבעל.

אַריינקומענדיג אין הויז, איז ער אָבער באַלד איבעראַשט געוואָרען טרעפענדיג אַזוי פיעל געסט: דער שווער, די שוויגער, זיין ווייב'ס שוועסטער, ברידער, אָנקעלס, טאַנטעס און גלאַט פריינד...

— „וואָס איז דאָס?" — האָט דער יונגערמאַן אַ פרעג גע־טאָן איינעם פון די געסט, „מיר האָבען דאָ היינט עפּעס אַ פּאַר־טי?"

— „פּאַדעס ליגט דיר אין זינען?" — האָט זיך צעוויינט זיין שוויגער, — „דו האָסט רואינירט מיין קינד, דו האָסט איהר

און אונז אַלעמען אַבגענאַרט, און דו „פּאַדעסט“ גאַר, זשוליק וואָס דו ביזט!“

— „שווייגעץ! יונגאַטש!“ — האָט זיך דער שווער צעשריען — „איין פרוי מיט קינדער איז דיר ווייניג? האָסטו נאָך מיין קינד אויך רואינירט!“

דער יונגערמאַן האָט אויסגעגלאָצט זיינע אויגען, געגומען ציטערען ווי אַ בלאַט און האָט שטיל אַרויסגעמורמעלט:

— „וואָס רעדט איהר? וואָס?“

— „ער לייקענט נאָך!“ — איז די יונגע ווייבעל מיט אַ געשריי אַריינגעלאָפען פון בעד־רום, אַ פאַרוויינטע — „ער לייקענט נאָך, דער באַנדיט!“

אַ ברודער איז באַלד צוגעלאָפען און פאַרפאַהרען דעם יונגענמאַן אין נאָז, און דער אָנקעל האָט באַלד געענטפערט פון פּלייצע.

אַ פאַרבלוטיגטער האָט זיך דער יונגערמאַן צעשריען אויפ'ן קול: „געוואַלד, מערדער! וואָס ווילט איהר פון מיר? פאַר וואָס קומט דאָס מיר?“

— „דו רעדסט נאָך? — איז די יונגע ווייבעל אַליין צוגעלאָפען מיט'ן וואַלגער־האָלץ אין האַנט — „דו שרייסט נאָך? דו ביגאַמיסט וואָס דו ביזט! האָב איך אַליין ניט געהערט מיט מיינע אויערען היינט אין סטאָר, ווי דו האָסט געשוואָרען ביי דיינע קינדער, אַז זיי זאָלען אַזוי געזונט זיין, ווי דו קענסט ניט פאַרקויפען דעם סוט? לייקענסטו דאָס?“ — האָט זי זיך צעקאָכט מיט'ן וואַלגער־האָלץ איבער איהם.

— „גאָט מיינער!“ — האָט זיך דער יונגערמאַן אַ כאַפּ געטאָן פאַר'ן קאָפּ, און אַ שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען — „ווען ניט מיינע וועהטאָגען, וואָלט איך דאָך געפּלאַצט פאַר געלעכטער, פון אַזאַ גרינע ביזנעס־לירי, ווי דו, וואָס ווייס נאָך ניט, אַז אַ ביזנעסמאַן דאַרף שווערען ביי דעם, וואָס ער האָט ניט, כדי עס זאָל קיינעם חלילה ניט שאַדען!“

די פריינט זיינען זיך באלד צעגאנגען פארשעהמטע, און די יונגע ווייבעל האט זיך ענטשולדיגט, און זיך גענומען צו באַנ־דאזשירען איהר מאַנ'ס וואונדען, זיך פרעהענדיג, אז באלד דעם ערשטען טאג האט זי געקראגען א לעסאן אין ביזנעס.

לאנדסלייט.

ענדליך האב איך באשלאסען צו ווערען א מעמבער אין דער סאסייטי פון מיינע לאנדסלייט. מיינער א פריינט האט מיך פאר־געשלאגען און אוועקגעפיהרט צום מיטינג. איך האב איינגעצאהלט די געלט, און דער טשערמאן האט מיר ערקלערט די רולס און פארגעשטעלט פאר די ברידער אלס זייער לאנדסמאן, מיסטער לאבשויז.

נאך דעם ווי מען האט מיר פיין אפלאדירט, איז צוגעקומען א איד מיט א שמאל בארד און האט מיר געגעבען א ברייטען שלום עליכם. ער האט מיר גלייך ערקלעהרט, אז ער קען מיין באבען, מיין זיידען, מיין עלטער־פעטער, און ער איז מיינער א פולער לאנדסמאן.

עס פרעהט מיר צו קענען אזא אלטען לאנדסמאן, האב איך געענטפערט, און וויל ענטפערען א צווייטען לאנדסמאן שלום עליכם. דער איד האט אבער באלד פארנומען מיין האנט מיט א קארטעל פון זיינע ביזנעס, איך זאל למ"ה זעהן קומען געבען א שאו א לאנדסמאן. ער האט א כשר'ע בוטשער סטאר און ער וועט מיר פיין טריטען...

און מיט געוואלד האט מיר דער צווייטער דערלאנגט א שלום עליכם, און צוזאמען א קארטעל פון זיינע ביזנעס.

א לאנדסמאן וועט איהר מסתמא געבען א שאו ? שמייכעלט דער איד מיט איין באק... איך האב א גראסערי, איז דאס גאלד...

הינטער איהם איז שוין געשטאנען א דריטער, אונטער דעם דריטען, א פערטער, און מיט'ן קוק האט זיך צעשטעלט די גאנצע

סאסייטי אין ליין. אלע מיט ביזנעס־קארטלעך אין די הענט, און עס איז געווארען א לעבעדיגע וועלט.

מיסטער לאכשוין, א קרעקערי סטאר!
מיסטער לאכשוין, א בארבער שאפ!
מיסטער לאכשוין, באנקעס!
א קלינינג סטאר!
א זייגער מאכער!
א מוהל!
א מסדר קדושין!
א רעווערענד!
א דרייווער!
א שיך פיקסער!
און פון אלעם גוטס . . .

נאך דעם ווי איך האב קאלעקטעט פון הונדערט צוויי און זיבעציג ברידער זייערע ביזנעס קארדס, בין איך געפאלען אין אונמאכט.

א ברודער האט מיר באלד צוגעבראכט א ביסעל וואסער, און האט זיך פאר מיר ענטשולדיגט וואס די וואסער איז פליין... און גלייך האב איך פון איהם געקראגען א קארטעל מיט דעם אדרעס פון זיין קענדי סטאר... וואו ער האט מיר איינגעלאדען צו קומען טרינקען א גוטע גלאז וואסער, א מאלטעד, און טאקע קויפען א באקסעל סיגארעטס אויך... „מיר זיינען דאך לאנדסלייט, ווי מ'זאגט", גיט דער אידעל מיר א קלאפ אין פלייצע...

אז איך בין געקומען צו זיך און איך האב געעפענט קלאר מיינע אויגען, האב איך געטראפען זיצענדיג צוויי יונגע לייט לעבען מיר, און איינער פון זיי האט מיר גלייך באמערקט, אז איך קוק אויס צו זיין גאנץ שוואך...

„מ'איז ניט מעהר ווי א מענש", האט באמערקט דער צווייטער, — „אט מ'געהט ארויס אין גאס און געה ווייס וואס קען פאסירען!"

„עס איז דאך אמעריקא!" זאגט דער ערשטער, מיר האלטענדיג דעם פולס פון מיין האנט. „עס איז דען א וואונדער וואס

אזוי פיעל טויזענטער מענשען אינשורען זיך יעדען טאג? וואס, מ'וויים דען וואס דער מארגען ברייננט?"

„אלבעטשי" איהר זייט נאך ניט אינשורט, מיסטער לאכ־שוין?" — און ער נעמט זיך צו זיין ביכעל פון פאקעט...

„אויב אינשורען, וועט זיך שוין גיכער מיסטער לאכשוין ביי מיר", גיט זיך דער צווייטער א כאפ. — „איך בין דאך עפעס א ריכטיגער לאנדסמאן, און איהר באלאנגט דא ניט מעהר ווי פאר ביזנעס".

דא האב איך געזעהן אז דער מאן האט רעכט, און אויב גע־בען א שאנ, איז א לאנדסמאן בילכער. און דער ערשטער האט מיך פארלאזען, דעם צווייטען האב איך ערקלעהרט, אז אינשורען וויל איך זיך זיכער... נאר איך דארף זיך דורכרעדען מיט מיין פרוי, וויפיעל איך זאל זיך אינשורען, און צום נעקסטען מיטינג וועט ער האבען אן ענטפער.

ער האט מיר געגעבען זיין קארטעל און האלב טויט האב איך פארלאזען דעם האל.

צום נעקסטען מיטינג בין איך שוין געזעסען רוהיג, קיינער האט מיר מעהר ניט געקענט... ווייל איך בין אריין אין א צווייטער סאסייטי מיט דעם נאמען „לי אונג טשינג פאנג", א כינעזישער פאראיין.

א חזן אויף יום־טוב.

די חברה אנשי „כלאבע", האבען באשלאסען לכבוד יו"ט צו נעמען פאר זייער שוהל דעם וועלט באריהמטען חזן ר' לייבעלע שלאסמאן, און מיט גרויסע בוכשטאבען האבען זיי גלייך ארויס־געשטעלט א ריזיגע „סיין", אויף וועלכער עס איז געווען אויס־געמאלען א גרויסער לייב און אונטערגעשריבען: „קומט הערען דעם שרעקליכען לייב, דעם גרעסטען פון אלע חזנים!"

פארבייגעהער וואס האבען דערזעהן אזא שרעקליכע „ווים־

טאווע", אז א „לייב" וועט זינגען... האבען קיין סך פראגעס ניט געשטעלט און גלייך זיך באזארגט מיט טיקעטס.

ווען די חברה אחי „זופ", האבען דערזעהן ווי די חברה אנשי „כלאבע" מאכען געלט, האבען זיי באשלאסען צו מאכען דעמזעלבען קונץ, און זיינען אוועק אראנזשירען דעם באריהמטען חזן, ר' בערעלע חאגין.

אויף מארגען איז שוין געשטאנען א גרויסע „סיין" מיט א ריזיגען בער, און אונטערגעשריבען: „קומט הערען ווי דער בער דאווענט, און איהר וועט זיך מחיה זיין!"

האבען דאס אבער דערהערט די חברה „לעק", ווי די חברה „זופ" און „כלאבע" מאכען געלט, און זיי האט דאס שטארק פארדראסען, איז מען גיך אוועק און אראנזשירט א חזן מיט דעם נאמען קאנאריק, און ארויסגעשטעלט א „סיין" מיט א בלויען קאנאריקעל און אונטערגעשריבען: „אט דער קאנאריק וועט אייך צושמעלצען דאס הארץ מיט זיין זיסען זינגען, קויפט אידען טיקעטס!"

און די אידען האבען געקויפט, נאך ווי געקויפט!...

די נייעס איז געבראכט געווארען צו דער חברה „אהבת טראפען", און זיי האבען באשלאסען צו טאן דאסזעלבע און האבען אראנזשירט דעם באריהמטען קאסטומער שניידער, מיסטער מיישקע פוקס.

און אויף מארגען איז שוין אויך געווען אנאנסירט: „קומט הערען דעם קליגסטען פוקס פון אלע חזנים", און דערביי איז געווען אויסגעמאלען א ברוינער פוקס, ווי ער שלאפט אויף זיינע צוויי לאפעס.

געהען אוועק גלייך אין אבענט די „שומרי גלעזעל" און אראנזשירען ר' פייוועל פיעטוך, המכונה (פענטס אפרייטאר) און שטעלען ארויס אז „עלעקטריק סיין", אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאלען א גרויסער האן, און אונטערגעשריבען: „קומט הערען א שטימע, ווי פון א יונגען הענדעל, ר' פיעטוכ'ס קרעהען וועט אייך איבערראשען!"

אנטקעגען די חברה „שומרי גלעזעל" איז געווען די „מגן פלע־

שעל", און זיי האבען זיך שטארק דערשראקען, אז זיי וועלען האַבען א ליידיג שוהל. האבען זיי קיין סך ניט געטראכט און פארהאנדעלט מיט דעם וועלט באריהמטען חזן, ר' מאטקע הירש, און מיט א שטונדע שפּעטער איז שוין געשטאנען א ריזיגער „הירש" און געקוקט אויפ'ן פיעטוך, און א גרויסער עולם איז געשטאנען און האט געווארט צו זעהן, ווי דער „הירש" וועט ארויפשפּרינגען אויפ'ן „האָן".

און ווען עס האט זיך שוין דערנעהענטערט צו יו"ט און די אנדערע חברה האבען דערזעהן, אז קיין טיקעטס פארקויפט זיך ניט, האבען זיך א לאז געטאן די פּרעזידענטען פון שוהל צו זוכען חזנים מיט נעמען פון „חיות"...

און וואו עס איז נאָר געווען אין א שאפּ א לייבעל, א בערעל, א קאנאריק, א מייזעל, א פוקס, א וואָלף, א פּיעטוך, א הירש, א וועוויארקע, א סאלאוויטשיק, זיינען זיי אלע געווארען אויסגעכאפּט און באצירט א גרויסע „סיין" מיט זייערע חיה'שע נעמען...

די איינציגע סאָסייטי, וואס איז נאך אבער געבליבען ניט באזארגט מיט א חיה'שען חזן, איז געווען די „עוזר דלים", ווייל זי האט געהאט אן אגרימענט מיט דעם וועלט באריהמטען חזן ר' יאסעלע ראזענבלום.

ווען דער פּרעזידענט האט דערזעהן, אז עס איז שלעכט, האט ער גלייך פאררופען א ספּעשעל מיטינג וועגען דער פראגע, און האט רעקאמענדירט צו די ברידער דאס פאלגענדע: אזוי ווי אלע חברה'ס האבען ארויסגעשטעלט באריהמטע חזנים מיט גרויסע „נעמען"... און אזוי ווי אונזער חזן האט בלויז א שטימע, נאָר ער האט ניט קיין גוטען נאמען... מאך איך א פארשלאג, אז מיר זאלען ארויסשטעלען א גרויסע „סיין" און אויסמאלען אן עלעפאנט און זאל די וועלט זעהן, אז די חברה „עוזר־דלים" האבען אן עלעפאנט פאר א חזן, די גרעסטע חיה פון אלע חיות"...

זי לעבט מיט רעכנונג.

ווי סעם האט נאר געעפענט די טיהר, ארייגקומענדיג פון דער ארבייט, האט עני, זיין יונג ווייבעל, איהם באלד צוגעווארפען א שמייכעל, און לאסטשענדיג איהם, ערקלעהרט: — דו ווייסט, סעמעלע דארלינג, איך האב גענומען אויף אפצאהלען א טישטוד!

— צו וואס? — האט ער איהר געפרעגט — דיר פעלט דען טישטיכער?

— וואס הייסט צו וואס? — האט זי א דרעה געטאן מיט איהרע ליפעלאך — דו ווייסט ניט, א קווארער א וואך צאהלט זיך אפ. און דער נאך איז עס ווי געפונען.

— אללרייט! — האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט, און עני האט א צופרידענע גענומען גרייטען צום טיש עסען.

אין א וואך שפעטער, איז עני ווידער אנטקעגען געלאפען מיט א נייעם אנזאג: — סעמעלע, דארלינג, דו ווייסט, דא איז געווען דער קאסטומער פעדלער נאכ'ן קווארער, האט ער מיר געוויזען א רינגעלע, האט עס מיר די אויגען אויפגעריסען.

— נו? — האט ער מיט שרעק א פרעג געטאן.

— נו, — האט זי איהם גלייך מיט איהר שמייכעל בארוהיגט — ער וויל מיר איהם געבען אויף אבצאהלען. און וואס דיינקסטו, סעמעלע, איך דארף דאס ניט? אויף מיין ווארט, — האט זי פארטגעזעצט איהם קיצלענדיג אונטער'ן מארדקע — ווען דו ביזט א קלוגער מענש נעמסטו דאס. וואס איז? א דאלאר א וואך זעהט זיך עפעס אן? עס צאהלט זיך אפ. און דער נאך איז דאס ווי געפונען פאר א שלעכטע צייט.

— אללרייט! — האט ער ווידער א מאך געטאן מיט דער האנט.

אין א וואך שפעטער, איז עני ווידער אנטקעגען געלאפען דארלינג, דו וועסט מיר ענטשולדיגען וואס איך האב דיר גאר ניט געפרעגט. דא איז געווען דער קאסטומער פעדלער, האט ער מיט זיך געטראגען א ראג. און דו ווייסט דאך, אז מיר דארפען א ראג נויטיג ווי לעבען. נו, האט ער מיר איהם געלאזען. האב איך ניט קלוג געטאן? א קווארער א וואך זעהט זיך ניט אן. און דער

נאך איז דאס ווי געפונען. ביז איך ניט גערעכט, מיין טייערער דארלינג?

— גערעכט ווי די וועלט — האט ער פארשטשעמעט מיט די ציינער. — איך קען זיך עפעס בעסער מאכען?

געהט ניט אוועק קיין מאנאט, און סעם טרעפט ביי איהם אין הויז א נייעם סעט מעבעל.

— וואס איז דאס? — האט ער ווי צעטומעלט א פרעג געטאן זיין ווייבעל.

— שא, שרעק זיך ניט — האט זי איהם באלד גענומען בארוהיגען — דאס איז אויף אבצאהלען. צוויי דאלער א מאנאט איז קיין געלט ניט, און וואס מ'רייסט ניט אפ, דאס האט מען ניט. אט האב איך דעם טישטוך אויסגעצאהלט, איז דאס טאקע ווי געפונען.

— וואס רעדסטו? — האט ער שוין גענומען קלאפען אין דעם נייעם טיש. מעבעל איז דאך ניט קיין טישטוך!

— זיי ניט קיין נאר, — האט זי איהם א נעם געטאן פאר'ן האנט, — ווי מ'פיהרט זיך אזוי העלפט גאט. און אז מ'לעבט מיט חשבון, שטארבט מען מיט דיימענדס...

— אויב אזוי? ביז איך געהאלפען. — האט ער פארצווייפעלט א געשריי געטאן.

א פאר וואכען שפעטער, ווען זי האט געזעהן, אז ער האט זיך שוין בארוהיגט, געהט זי אוועק און ברייגגט איהם א פרעזענט א גאלדענעם זייגער.

— צו וואס איז דאס? — האט ער מיט איבעראשונג א פרעג געטאן.

— אט אזוי! — האט זי זיך ווידער פארענטפערט — ווייל עס פאסט ניט פאר א מאן וועמעס פרוי טראגט דיימענדס, און אין הויז שטעהט א שעהנער סעט מעבעל, זאל דער מאן געהן ווי א שנארער...

— אבער וואס טויג מיר דער זייגער? אז איך געה אהן שיך, אהן א סוט, אהן א העמד? — האט ער שיער גע'חלש'ט פאר הארץ וועהטאג.

— רעד ווי א מענש, וועסטו אלעם האבען — האט זי איהם פארזיכערט.

און אויף מארגען האט זי איהם טאקע באקליידעט פון קאפ ביז די פיס.

ווען ער האט זיך אזוי אויסגעפוצט און א קוק געטאן אין שפיגעל, האט ער זיך א כאפ געטאן פאר'ן קאפ.

— דאס קאסט דאך אפשר 50 דאלער?

— ניט ביי מיר — האט זי זיך צעלאכט. — 50 סענט א וואך, ניט מעהר.

— אבער וואו וועל איך נעמען אזוי פיעל 50 סענטיגע?

— איז ער שוין ארוים פון די כלים.

— 50 סענט א וואך איז ביי איהם אויך געלט! — האט זי זיך נאך שטארקער צעלאכט.

און אזוי אין א צייט פון א יאהר, האט זיך זיין ווייבעל פארבונדען מיט אכט און צוואנציג פעדלערס, און יעדען פרייטאג ווען סעם איז געקומען אהיים מיט זיין פיידע, האט ער געטראפען שטעהענדיג א „ליין" ביז צו די שטיגען. זי האט זיך אבער ניט באנוגענט און גענומען אלץ מעהר און מעהר, האלטענדיג אין איין שרייען, אז א קוואדער א וואך איז קיין געלט ניט.

עס האט ניט גענומען לאנג, און די פיידע איז שוין ניט גענוג געווען פאר די קוואדערס.

— וואס וועט זיין דער סוף? — האט שוין סעם מיט כעס זיך צעשריען — די פיידע איז דאך שוין אויך קנאפ פאר דיינע פעדלערס.

— ניט געפעהרליך! — האט זי א דרעה געטאן מיט'ן נעזעל. נעם ביים באס א וואך פיידע אין פאראויס, און דו וועסט איהם אפצאהלען א דאלער א וואך.

פרייטאג, ווען סעם האט געבראכט די פיידע און דאס איבער־געגעבען צו זיין ווייבעל, האט ער אליין זיך אויך געשטעלט צו גלייך מיט אלע פעדלערס אין דער „ליין" צו קאלעקטען דעם דאלער פאר'ן באס.

— וואס איז דאס? — האט איינער פון די פעדלערס מיט

פאַרוואונדערונג א פרעג געטאָן ביי דער ווייבעל, — וואס שטעהט עפּעס אייער מאַן אין דער „ליין“ ?

— וואס הייסט, וואס ? — האט זי געענטפערט — ער קאָלעקטעט געלט פאַר׳ן באָס, וואס האט איהם געליהען אויף אַפּצאָהלען.

— און וואו בין איך ? — האט זיך דער פעדלער א כאפּ געטאָן — ביי מיר קריגט איהר דען ניט קיין געלט ?

און זיין ווייבעל האט טאַקע באַלד גענומען הונדערט דאָלער אויף אַבצאָהלען....

געקראַגען געלט...

אזוי גיך ווי דער גרינער יאַנקעל איז ארונטער פון שיף, האט איהם זיין לאַנדסמאַן פּייוויש, גענומען באַווייזען די גליקען פון אמעריקא. ווי גיך א קלוגער מענש קען מאַכען א דאָלאַר.

— דו געהסט אין גאַס — דערצעהלט איהם פּייוויש — פאַרט אַז א מאַשין, און רייסט דיר אָפּ א זייט, ביזטו שוין גליקליך. דאס איז א טויזענטער. דו ארבייטסט אין שאָפּ ביי דער מאַשין, דרעהט זיך אריין דער אַרבעל, און ס׳רייסט דיר אָפּ א האַנד, האסטו ברויט אויף דיין גאַנצען לעבען. דו געהסט פון די טרעפּ, פאַרפלאַנטערסט א פוס אין א פוס, און ברעכסט האַלז און נאַקען, דאַרפסטו זיך ניט דערשרעקען, נאַר בלויז נעמען שרייען, דאס איז געלד ! דאס איז א „פּאָרטשון“ אין אמעריקא. וואס דאַרפסטו מעהר ? — האט איהם פּייוויש פאַרטגעזעצט — דו זיצסט אין קיך און עסט, פאַלט דיר אראָפּ א שטיק סטעלע אין קאָפּ אריין, און צעשפּאַלט דיר דעם מח, איז דאס פּונקט ווי עס וואָלט דיר אראָפּגעפאַלען א טייסטער מיט געלט. יעדער שטאָד איז א הונדערטער...

דער גרינער האט זיך אזוי צוגעהערט און מיט באַגייסטערונג געשלונגען יעדעס וואָרט וואס זיין לאַנדסמאַן האט איהם דערצעהלט, און שטיל אליין צו זיך גערעכענט די גרויסע סומען געלט וויפיעל איינער קען דאס אריינכאַפּען ווען גאָט העלפט איהם אַז

עס רייסט איהם אפ א זייט, האקט איהם אפ א פוס, צעברעכט איהם א האנד, און צעשפאלט נאך דעם מח דערצו...

דער גרינער האט זיך דאס איינגעריצט אין זיין זכרון, אז כדי צו קענען פאהרען באזוכען זיין ברודער אין שיקאגא וועט ער מוזען זיך באנוצען מיט איינעם פון די מיטלען אין אמעריקא.

א זונטאג אין דער פריה לויפט אריין דער גרינער יאנקעל צו זיין לאנדסמאן פייוויש, פארבלוטיגט פון קאפ ביז די פיס.

— וואס איז דאס? — האט איהם דער לאנדסמאן א צעשראָ־קענער א פרעג געטאן.

— געלט! — האט דער גרינער געענטפערט — עס וועט שוין זיין געלט. — און ער האט גענומען דערצעהלען ווי אזוי אין גאס האבען געשפיעלט עטליכע יונגעלייט „באל", איינער ווארפט, און דער צווייטער קלאפט מיט א שטעקען צוריק. ביז איך ניט מעהר קיין גרינער און זיך אוועקגעשטעלט אונטער'ן שטעקען מיט'ן נאז, און אין איין סעקונדע בוכטע אין נאז אריין. — האט זיך דער גרינער צעלאכט, — ווישענדיג די בלוט. — איך האב שוין מיט וואס צו פאהרען אין שיקאגא צום ברודער.

—משוגענער — האט זיך דער לאנדסמאן צעשריהען — דער שטעקען איז דאך ניט אינשורט.

— נו, אויב אזוי, ביז איך ווערט דעם שטעקען, — האט דער גרינער ארויסגעזאגט און איז מיט א נאז אוועק אהיים.

אין פאר וואכען שפעטער קומט אריין דער גרינער יאנקעל צום לאנדסמאן מיט א פארבאנדאזשירטען פוס.

—וואס איז שוין ווייטער? — פרעגט דער לאנדסמאן פייוויש.

— געלט! — פארזיכערט ווידער דער גרינער — א אטאמאָ־ביל איז מיר איבערגעפאהרען.

—האסטו דעם נומער?

— וואס דארף איך א נומער? צעלאכט זיך דער גרינער — איך האב דאך א צעקאליעטשעטע פוס, — זאגט ער מיט שטאלץ ארויס.

—ביי דעם וועסטו אבער בלייבען — האט איהם פארזיכערט

פייוויש, — אז מען האט ניט דעם נומער קריגט מען קיין געלט ניט.

— אויב אזוי, — איז דער גרינער אין כעס געווארען — האב איך אין דר'ערד די גאנצע ביזנעס, איך זוך ניט מעהר אזעלכע גליקען, — און האט זיך פארשווארען דאס מעהר ניט צו טאן.

געהט ניט אוועק קיין מאנאט צייט, און דער גרינער קומט ווידער צולויפען צום לאנדסמאן.

— פייוויש! עס וועט זיין געלט!

— פון וואס? איז פייוויש שיעור אין חלשות געפאלען, — שוין ווידער געמאכט זיך אן אומגליק? א זייט זיך אפגעריסען, אה?

— ניין! — האט איהם דער גרינער בארוהיגט, — איך האב געקראגען א „מאני ארדער" פון מיין ברודער.

שטרייך אבענד.

(א סצענע)

(די סצענע קומט פאר אין א מיטינג רום. 12 מעמבערס זיצען ביי דריי טישען פאראינטערעסירט אין קארטען. אלע ווײלע ווערט א קריגערײ איבער א קארט. דער טשערמאן שטעהט אויף, גיט א קוק אויפן זייגער)

טשערמאן: אלזא, חברה, סטאפט די גיים. דער זייגער איז שוין 10! מיר וועלען עפענען דעם מיטינג. היינט איז דאך שטרייך־אבענד. סעקרעטער, לעגט אוועק די קארטען, נעמט די ביכער!

סעקרעטער (גיט אווארף די קארטען): אבי איך האב די גיים! גו עפענט דעם מיטינג טשערמאן! (ער נעמט די ביכער אלע סטאפען די גיים).

טשערמאן (גיט דריי מאל א קלאפ): ארדער פלים! אין נאמען פון דער חברה „אנשי רוצח קראנקעס און בענעפיט אונ־

טערשטיצונג פעראיין". ערקלער איך דעם מיטינג געזעצליך ערע־פענט. סעקרעטער, לעזט פאר דעם פראטאקאל!

סעקרעטער (הייזעריג): א רעגעלער מיטינג איז געווען לעצטען מיטינג אין מיטינג לאקאל וואו מיר מיטען אלע מאל, אלס טשערמאן איז געווען דער זעלבער טשערמאן וואס איז אלע מאל טשערמאן, פאלגענדעס איז פערהאנדעלט געווארען: א קלאגע איז אריין פון ברודער חיים ארוכים, אז דער פרעזידענט האט איהם באליידיגט. ער האט זיך ענטזאגט צו שפילען א פינאקעל מיט איהם, ערקלערענדיג, אז ברודער חיים איז א שנארער... נאך א לאנגער דעבאטע איז דער טראבעל געשליכטעט געווארען. א קאמיטע איז ערוועהלט געווארען צו באזוכען א נייעם ברודער. אין דער קאמיטע איז משה טריוואקס, און יאנקעל פישעפיישע. ברודער מאקס זדוכאטי ווענדעט זיך נאך שטיצע. ער קליימט: אז אין א בעטרונקענעם צושטאנד האט מען ביי איהם צוגענומען די פיידע. באשלאסען איהם צו שטיצען מיט א וואך פינקע־געלט. שאשע די אלמנה, ווענדעט זיך נאך שטיצע, ווייל איהר מאן איז געווען א ברודער. איהר פארלאנג צוריק געוויזען, ווייל ער האט ניט באצאלט זיינע בילס זינט ער איז געשטארבען... דער האספיטא־לער יאשע בוראק באריכטעט, אז מיישקע פייפעל איז ניט בארעכ־טיגט צו בענעפיט, ווייל ער האט איהם געטראפען עסענדיג. א פארשלאג איז געמאכט געווארען פון ברודער ווילי קישקע, אנצו־נעהמען די רעקאמענדיישאן פון האספיטאלער, ווייל א קראנקער איז ניט בארעכטיגט צו עסען... צום וואהל און בעסטען איז בא־שלאסען, צו האבען נעקסטען מיטינג שטרייך־אבענד. דערמיט איז דער מיטינג צו ענדע. געצעל פיאווקע, טשערמאן; אשר מריוקע, סעקרעטער.

טשערמאן: ברידער, איהר האט געהערט דעם פראטא־קאל וואס איז אייער מיינונג צו טאן?

זיסעלע פינטוש: א פארשלאג גוטצוהייסען.

משה מאשמאלאן: איך פאש... איך מיין... איך אונטערשטיץ.

טשערמאן: צושריפטען!

ס ע ק ר ע ט ע ר: איך האָב אַ צושריפט פון פינאַנץ סעקרעטער, ברודער הערי היישעריק, ער פאַרלאַנגט ווידער ביכער. ער ערקלערט, דאָס זיינע בנים האָבען זיי שוין ווידער צעריסען.

ה ע ר י ה י י ש ע ר י ק: ברודער טשערמאַן! (קלאַפּט אין טיש) מריוקע איז אַן אָקס, ניט קיין פּראָטאָקאָל סעקרעטער.

אַ ש ר מ ר י ו ק ע: ברודער טשערמאַן! היישעריק איז אַ פערד ניט קיין פינאַנץ סעקרעטער.

ז י ס ע ל ע פ י נ ט ו ש: אַ פאַרשלאַג גוטצוהייסען.

ז ל מ ן ז אַ ו ו ע ר ו כ ע (אַ איד מיט אַ באָרד): טשערמאַן איך זאָג, אַז איינער פון זיי ביידען מוז רעזיגנירען, ווייל עס שטעהט בפירוש אין דער תורה, אַז אַן אָקס און אַ פערד זאָלען ניט זיין אין איין געשפּאַן... (אַלע צעלאַכען זיך)

ט ש ע ר מ אַ ן: אָרדער! אָרדער! (אַלע באַרוהיגען זיך) טרעזשורער, איהר וועט קויפען אַ בוד, פאַר דעם פינאַנץ סעקרעטער! איצט די קאָמיטע באַריכט.

אַ ש ר מ ר י ו ק ע: אין דער קאָמיטע איז איטשע טריוואַקס, און פישעפּיישע.

ט ש ע ר מ אַ ן: פישעפּיישע, וואָס האָט איהר צו באַריכטען?

פּ י ש ע פּ י י ש ע: טשערמאַן און ברידער, אַזוי ווי איך און ברודער טריוואַקס זיינען געקומען און מיר זיינען אַריין אין האָלל, און מיר זיינען אַרויף אויף דעם פערטען פלאָר, האָבען מיר געטראָפען אונזער נייעם ברודער שלאָגען זיין פרוי. און נאָך דעם שלאָגען נאָך, דענק איך, טשערמאַן, אַז דער נייער ברודער מאַקסעל זאַסלענקי איז אַ געזונטער יונג און איז פּאַסיג פאַר אונזער „אנשי רוצח" סאָסייעטי...

ט ש ע ר מ אַ ן: וואָס האָט איהר צו זאָגען, ברודער טריוואַקס?

ט ר י ו ו אַ ק ס: איך האָב געדענקט צו זאָגען דאָס וואָס ער, און אַזוי ווי ער האָט געזאָגט דאָס וואָס איך. דענק איך, אַז איהר דאַרפט ניט דענקען אַז איך האָב וואָס צו זאָגען.

ט ש ע ר מ אַ ן: האָספּיטאַלער בעריכט!

הערי הײשעריק: טשערמאן! איך קען אײך באַ־ריכטען, אַזױ װי מײשקע פײפעל, דער קראַנקער ברודער, האָט צע־שלאָגען ברודער יאָשקע בוראַק, פאַר װאָס ער האָט ניט געהײסען געבען בענעפיט, איז יעצט ליגט דער האָספיטאַלער אין האָספיטאַל.

זיסעלע פינטוש: אַ פאַרשלאַג גוטצוהײסען.

טשערמאַן: אַזױ װי הײנט איז שטרײך אָבענד, גיב איך 10 מינוט פאַר אײנצאָהלען.

(אַלע גיבען זיך אַ כאַפּ פון די סיטס, לױפען צו שנעל צו די טיש־לער און פאַנגען אָן צו שפּילען.)

טשערמאַן: חברה, צאָהלט אײן אײערע דיוס, הײנט איז שטרײך־אָבענד!

זיסעלע פינטוש: געװוּרמײנד! (װײזט אַ קאָרט) דער קעניג װעט גוט זאָגען פאַר מיר!

משה מאַשמאַלאַן: איך פּאַש! איך צאָהל הײנט ניט.

זלמן זאַװערובע: אַ קלאָג זאָל דיר כאַפּען, דו פינטוש, דו מאַכסט מיר אַ פּעקעל!

טשערמאַן (נעמט דעם האַמער): חברה סטאָפּט די גײם! דער מיטינג איז װידער אָפען. ברודער הײשעריק, לעזט פאַר װער עס האָט אײנגעצאָהלט און װער ניט!

הערי הײשעריק: סעם סקאַװערדע — צװײ דאָ־לאַר; ראובן רוטביהר — צװײ פופציג; טעװעל טאַרפּידאָ — אַ דאָלאַר. שולדיג זײנען: ברודער טריװאַקס — צװײ דאָלאַר פופציג, יאָשע בוראַק — צװײ פופציג, מײשקע פײפעל — צװײ פופציג, זיסעלע פינטוש — צװײ פופציג, זלמן זאַװערובע — אַ דאָלאַר און אַ האַלב, משה מאַשמאַלאַן — צװײ פופציג און אַ דאָלאַר און אַ האַלב פון לעצטען קװאָרטאַל.

טשערמאַן: זאָגט װער גוט פאַר ברודער טריװאַקס?

זיסעלע פינטוש: איך ניט.

טשערמאַן (קלאַפּט דרײ מאָל): גענעצליך געשטראָכען!

(טריװאַקס גיט אַ קלאַפּ מיט׳ן טיהר און אַװעק).

ט ש ע ר מ א ן: ברודער פישעפיישע, ווארום צאהלט איהר ניט איין?

פ י ש ע פ י י ש ע: ווייל איהר האט געוואונען די גאנצע געלט.

ט ש ע ר מ א ן (גיט א קלאפ דריי מאל): געזעצליך! יאשקע בוראק און מיישקע פייפעל ניט אנוועזענד? (גיט א קלאפ) געזעצליך!

פ י ש ע פ י י ש ע: טשערמאן, זאל אייך קלאפען אין קאפ געזעצליך! גוד באי! (אפ).

ט ש ע ר מ א ן: ווער זאגט גוט פאר זיסעלע פינטוש?

ז י ס ע ל ע פ י נ ט ו ש: דער קעניג...

ט ש ע ר מ א ן: געזעצליך! (גיט א קלאפ.)

ז י ס ע ל ע פ י נ ט ו ש: טשערמאן, איך אונטערשטיץ!

ט ש ע ר מ א ן: זלמן זאווערובע, וואס דענקט איהר צו טאן?

מ ש ה מ א ש מ ע ל א ן: טשערמאן, וואס טוט איהר? אויב איהר שטרייכט נאך א ברודער קענט איהר דאך שוין ניט מיטען, עס זיינען דא בלויז זיבען מעמבערס. טשערמאן! איך מאך א פארשלאג אז נעקסטען מיטינג זאל מען רופען א ספּעשעל מי־טינג צו קענען שטרייכען אלע מעמבערס.

ט ש ע ר מ א ן: ברידער, איהר האט געהערט א פארשלאג פון ברודער מאשמאלאן, וואס איז אייער מיינונג?

א ל ע: מיר אונטערשטיצען! (הויבען אויף די הענד, יע־דער האלט א קארט אין האנט, לויפען גלייך צום טיש ווידער שפילען.)

ט ש ע ר מ א ן: דערמיט ערקלער איך דעם מיטינג געשלא־סען.

אַ ים מיט צרות.

איך בין אַרויסגעפאָהרען אין קוני איילענד פאַר׳ן זומער. איך האָב זיך אויסגעהיט קיינער זאָל דערפון ניט וויסען, ווייל איך האָב קיין עין הרע אַ סך גוטע פריינט און אַזוי גיך, ווי איך פאָהר נאָר אַרויס זיך אַביסעל אָפּרוהען און איינשטילען מיינע נערוועז, קומען זיי מיך באַזוכען.

איין פריינט אָבער האָב איך געמוזט זאָגען: ער איז פאַרמעג־ליך און איך האָב געדאַרפט קריגען פון איהם אַ הלואה׳לע צו באַצאָהלען פאַר דער באַנגאַלאָ.

עס זיינען אַריבער צוויי וואָכען און איך האָב געדאַרפט דער־לייגען צו מיין ערשטער איינצאָהלונג. מיין פריינט האָט מיר אָבער דאָס געלט ניט צוגעשיקט.

איך האָב זיך שוין גענומען קלייבען צו פאָהרען צו איהם. מיט־אַמאָל קומט אַריין מיין פריינט׳ס אַ טאָכטער. איך האָב גלייך צוריק אַרונטערגעכאַפּט מיין ראָק און כמעט ווי אַנגעשטעלט מיינע הענט פאַר די פאַר טאָלער.

דאָס מיידעל האָט מיר אָבער לאַנג ניט געלאָזט וואַרטען און מיר דערקלערט, אַז דער פּאַפּאַ איז איצט אַביסעל געענגט אין געלט. דערווייל זאָל איך לייען ערגעץ אַנדערש. ער וועט מיר שוין צושיקען.

זי האָט מיר אויך ניט פאַרגעסען צו זאָגען, אַז עס געפעלען איהר זעהר מיינע צימערען. און זי רעכענט צו פאַרבלייבען ביי מיר אַ פּאָר וואָכען.

איך האָב נאַטירליך צוגעשטימט און נאָך געמאַכט אַ פרעהליכע מינע. איצט, האָב איך געטראַכט, וועט מיר שוין זיין לייכטער צו קריגען פון מיין פריינט די פאַר טאָלער, האָבענדיג זיין טאָכטער ביי מיר.

איך האָב באַלד זיך אַרויסגעלאָזען צו קריגען געלט און אויך געזעהן צו געבען מיין פריינט׳ס טאָכטער דעם בעסטען „פּלעזשור“, ווי אַ טאַטענ׳ס אַ פריינט קען נאָר.

די צוויי וואָכען זיינען אַוועק און דאָס מיידעל האָט זיך געגר־

מען קלייבען צו פאהרען א היים. זי האט אויסגעפרעגט ביי יעדען אין הויז, וואס איינעם פעלט, און האט צוגעזאגט אפצודינען פאר מיין גאסטפריינטליכקייט.

א פאר טעג שפעטער קומט מיר אן א בריף פון מיין פריינט. מיט א שמייכעל אויף די ליפען, האב איך איהם געעפענט און גע־נומען לייענען וואס מיין פריינט שרייבט מיר. מיין פרוי און קינדער זיינען געשטאנען ארום מיר און געבעטען איך זאל זיי ליי־ענען אויפ׳ן קול, ווייל זיי ווילען וויסען וואס מיין פריינט שיקט זיי אלעמען. איך האב זיי געפאלגט און גענומען לייענען וואס ער שרייבט:

„מיין טהייערער ס. ל.!

„מיין טאכטער ווייס גאר ניט, ווי אזוי אויסצודריקען איהר דאנק פאר דיין גאסטפריינטליכקייט און פאר אייער וואונדערליכע באהאנדלונג. שוין פון דעם אליין וועסטו קענען האבען א בא־גריף וואס פאר א פארגעניגען דו האסט מיר פארשאפט, אז איך האב באשלאסען צו שיקען דיר מיין פרוי אויף א דריי וואכען.“

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין פריינט׳ס פרוי אבער האט זיך אומזיסט מטריח געוועז. איך האב נישט געקאנט מאכען מיין צווייטע איינצאהלונג און כ׳האב זיך געמוזט געזעגענען מיט׳ן ים און מופען צוריק קיין בראנזוויל.

געפאקט דעם פויגעל!

אין דער צייטונג „דער רויטער ענדיק“ האט זיך באוויזען א נייע „פיטשור“: „אפגעשונדרענע גדולים“, געשריבען פון „א פויגעל“. איך האב פארשטאנען, אז דער „פויגעל“ איז א פסעוודא־נים פון א שרייבער. אבער ווער דאס איז, איז אומעגליך געווען אויסצוגעפינען.

איך האב געקענט די אלע שרייבער פון יענער צייטונג און איך האב באשלאסען ארויסצוקריגען דעם גרויסען סוד פון דער

רעדאַקציע. איך בין אַוועק אין רעדאַקציע און בין צוגעשטאַנען צום פעליעטאָניסט.

— סיי, ווינטמיל, — האָב איך איהם אָנגענומען פאַר די לאַ־צען, — וואָס איז דיין מיינונג וועגען די „אַפּגעשונדענע גדולים“? מיר געפעלט דאָס גאָר ניט!

— מיר אויך ניט! — האָט ווינטמיל מיר גלייך געענטפערט. — דאָס איז ניט קיין הומאָר און ניט קיין שפּראַך.

איך האָב שוין מעהר מיט איהם ניט גערעדט, און אַ נעם געטאָן פאַר'ן אַרבעל מיסטער קוואַקע, דעם ראָמאַנען־שרייבער.

— מיסטער קוואַקע, — גיב איך איהם אַ פרעג, — וואָס איז אייער מיינונג וועגען די „אַפּגעשונדענע גדולים“, איז דאָס אַ „פיטשור“ פאַר אַ צייטונג?

— איך פרעג אויך דאָס זעלבע, — האָט מיר מיסטער קוואַ־קע אריינגעזאָגט שטילערהייט אין אויער — נאָר גאַרנישט, מיינע געשעפטען צו ריידען? מ'דרוקט, דרוקט מען!

דאָס איז ניט דער „פויגעל“ — האָב איך צו זיך געטראַכט — און זיך אַוועקגעזעצט לעבען חבר מאַטעלסאָן דעם פאַלעמי־קער.

— חבר מאַטעלסאָן, — גיב איך איהם אַ קלאַפּ איבער'ן אַק־סעל — ווי פּאַסט דאָס פאַר'ן „רויטען ענדיק“ צו דרוקען אַזעלכע בלאָסע נאַרעשקייטען, ווי די „אַפּגעשונדענע גדולים“, דאָס איז דאָך ניט קיין „פיטשור“ און ניט קיין שרייבען!?

— וואָס אַרט מיר — האָט חבר מאַטעלסאָן אַרויס געזאָגט מיט שטאָלץ — קלוגע לעזער לעזען בלויז מ י י נ ע זאַכען און וועגען דאָס שטיק אידיאָטסטווע פלאַץ איך און שוויינ.

איך האָב איהם אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן צווייטען אַקסעל און בין אַוועק כאַפּען דעם בעלעטריסט, דר. קוועקזילבער.

— האַלאָ — האָב איך איהם אריינגערוקט אַ שלום עליכם — וואָס מאַכט מען?... שוין געלעזען די נייע פיטשור פון אונזער „רויטען ענדיק“, „די אַפּגעשונדענע גדולים“? וואָס זאָגט איהר עפּעס אויף אַזאַ קוואַטש? און איהר דענקט אַז דאָס קען ברענ־גען לעזער?

דר. קוועקזילבער האט אויסגעגלאצט אויף מיר א פאר אויגען. און מיט אויפרעגונג געמורמעלט — אז ניט לעזט איהר דען אי־דיש? ווארים ווען איהר וואלט עפעס פארשטאנען וואס איהר לעזט, וואלט איהר אזוי ניט גערעדט. איך גלויב קוים, אז איין לעזער זאל פארפעהלען צו לעזען אזא אינטערעסאנטע אפשפיגלונג פון אונזער וועלטעל, דאס רייסט דאך אראפ די מאסקע פון אונ־זערע כלומרש'טדיגע גדולים.

איך האב מעהר מיט איהם ניט געוואלט דיסקוטירען.

— אט־דאס איז דער פויגעל — האב איך זיך אליין שטיל פארטרויט דעם סוד.

ביזי אויף אלע „ליינס"

שוין באלד ווי איך בין אריין אין אמעריקא האב איך דער־פיהלט אז דאס ווארט „ליין" שפיעלט דא א גרויסע ראלע.

ווארום ווי דער מאן מיט די מעשענע קנעפלאך האט א געשריי געטאן „אין די ליין" און איך האב זיך אזוי שנעל ניט צוגעכאפט דערצו בין איך טאקע געבליבען דער לעצטער און געמוזט ווארטען פאר מארגען.

און פון יענעם טאג אז ווייס איך וואס די „ליין" מיינט, און מיין לעבען ציהט זיך אזוי פון איין „ליין" אין דער צווייטער. קום איך אריין אין די בענק אריינטראגען געלט — זאגט מען מיר — אין די „ליין". ארויסנעמען געלט — אין די „ליין". קריגען א דזשאב, אין די „ליין", מארשירען דעם ערשטען מאי, אין א ליין", פיקעטען א שאפ, אין א פיקעט־„ליין". קריגען בענעפיט, אין א „בענעפיט ליין". קריגען ברויט, אין א „ברעד־ליין".

וויל איך ערגעץ פאהרען, פרעגט מען מיר אויף וואס פאר א „ליין", דארף איך קויפען א טיקעט, אין „ליין".

איך וויל אריין אין טהעאטער באצאהלען דריי דאלאר פאר א טיקעט, אבער עס העלפט ניט, איך מוז שטעהן אין „ליין".

אמאל ווערט דאס מיר דערעסען און איך וויל נעמען א שיפס־

קאַרטע און אָוועקפּאַהרען. זאָגט מען מיר, ניטאָ מעהר קיין פּלאַץ מיט דער „ליין“.

און וויל איך געהן צו אַ מאַס מיטינג וואו מען בעט זיך ביי מיר איך זאָל קומען. און אַז איך קום, טרעף איך אַ „ליין“.

און אַז איך קוב אַ היים אַ מידער, אַ צעבראָכענער, שטעהענדיג אַ גאַנצען טאָג אין די „ליינס“, און וויל זיך זעצען עסען סאַפּער, זאָגט מיר מיין ווייבעל — גיכער, גיכער, עס פאַנגט אָן צו גיסען אַ רעגען, כאַפּ אַרונטער די ביסעל וועש פון די „ליין“.

אַי די „ליין“...

אויפגעגעבען.

אַזוי גיך, ווי מיין מיידעל האָט אָנגעמאָסטען מיין צוויי־הונדערט־און־פופציג טאַלערדיגען רינגעל, האָט זי מיר גלייך געלאָזט וויסען, אַז זי וועט נישט חתונה האָבען מיט אַ בחור, וואָס שפּיעלט אין קאַרטען, און אַזוי ווי דאָן האָב איך געמיינט, אַז דאָס שפּיעל אין ליעבע איז אַ בעסערער שפּיעל ווי אין קאַרטען, האָב איך קיין סך ניט געזערדט, און זיך געזעגענט מיט׳ן „קליין ש׳ס“.

האָט מיין מיידעל מיט מיר חתונה געהאַט. איז וואו געהט מען נאָך דער חתונה? צו פריינט. זאָגט מיין ווייבעל, אַז זי „גלייכט“ ניט מיינע פריינט, און איך זאָל מעהר ניט געהן צו זיי.

נו, וואָס טוט ניט אַ מאַן פאַר אַ פרוי באַלד נאָך דער חתונה? האָב איך טאַקע נישט לאַנג געקלערט און אַלע מיינע פריינד אויפגעגעבען.

אוים פריינד, האָב איך גענומען אָרגאַניזירען אַ קלוב, וואו צו קענען פאַרברענגען מיין פרייע צייט. מיין פרוי איז ניט געפעלען געוואָרען די בלאַנדע מעמבערקעס, האָט זי מיר אַזוי לאַנג געיאָדעט, ביז אין אַ שעהנעם אָווענט האָב איך אויפגעגעבען דעם קלוב.

דאָן האָב איך אָנגעפאַנגען געהן צו מיטינגען, אָוועקגעבען מיין צייט פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג. האָט מיין ווייבעל זיך באַ־

קלאגט,אז קיינמאהל בין איך אין הויז ניטא. אלע מאל איז זי איינע אליין.

איך האב איינגעזעהן, אז זי איז גערעכט, און האב דאס אויפ־געגעבען.

האט אבער מיין ווייבעל פארדראסען, וואס איך ארבייט אין שאפ. ביי לייטען האט זי גע'טענה'ט, זיצט מען אין הויז מיט דער ווייב און מ'מאכט אויך א לעבען.

געפעלען איז דאס מיר געווען, האב איך זיך ניט געלאזט בע־טען. און מיין גוטען דזשאב אויפגעגעבען.

זיצענדיג שוין אין הויז און האבענדיג אזוי פיעל פרייע צייט, האב איך באשלאסען זיך נעהמען צו לערנען, שטודירען.

איז אוועק א וואך און צווי, האט זיך מיין ווייבעל אנגעפאנ־גען צו קרימען. רק ער זיצט איבער די ביכער און לערענט, און איך זיץ ווי א פלאקען, האב איך ניט מיט וועמען אווארט אויס־צורעדען.

קיין סך טענות האב איך ניט געמאכט, די ביכער אוועקגעלעגט און מיין שטודירען אויפגעגעבען.

איצט האב איך זיך גענומען צו הויז ארבייט: שייערען די דילען, פוצען די פענסטער און וואשען די וועש. די דאזיגע אר־בייט איז ענדליך מיין ווייב געפעלען און זי וויל ניט איך זאל עס אויפגעבען. אזוי ווי אבער „אויפגעבען" איז שוין ביי מיר גע־ווארען א צווייטע נאטור, האב איך די דאזיגע ארבייט אויפגעגעבען, אויפגעגעבען מיט מיין ווייבעל צוזאמען.

געטריט מיט א דינער.

(א יום כפור מעשה'לע)

מיסטער שטיינהארץ איז אין דער היים געווען א שניידער. געטראגען א בארד און געגאנגען אין א טלית קטן. דאווענען האט ער קיינמאל ניט פארפעהלט.

יעצט איז מיסטער שטיינהארץ אין אמעריקא און אנשטאט א שניידער איז ער געווארען א קלאוקס מאנופעקטשורער און אנ־שטאט א בארד טראגט ער א גוידער מיט דריי טרעפ... און אנ־שטאט א טלית קטן, א גראבע גאלדענע קייט.

מיסטער שטיינהארץ האט אבער ניט פארגעסען די שוהל, און דערפאר איז ער טאקע דער פרעזידענט פון דער חברה „אנשי ליפסק", וועלכע טהיילט איהם אויס כבוד אויפ'ן פוד.

אז עס איז געקומען יום כפור, האט מיסטער שטיינהארץ אנ־געזאגט זיין „בוי'אק", אז היינט איז יום כפור און אז ער מוז קומען אין שוהל: א גאנץ יאהר איז א גאנץ יאהר, היינט אבער איז יום כפור און איינמאל אין יאהר מוזטו ווייזען פאר מענשען אז דו ביסט ניט קיין „גענגסטער", קיין „באם", קיין „טרעמפ"!... זאלען מענשען זעהן, אז מיסטער שטיינהארץ'ס קינדער געהען אין דעם זעלבען וועג ווי דער טאטע, — האט ער זיך מיט שטאלץ א גלעט געטאן איבער זיין פעט־בייכיגען פרינץ־אלבערט.

זיין „בוי־אק" האט אויסגעריבען די אויגען און א קנאק געטאן מיט די פינגער ווי צו שפילען „קרעפ", און נאך דעם א פאר גע־טאן מיט דער רעכטער האנד ווי צו געבען א „פאנטש אין די נאז" און ארויסגעמורמעלט: — מאמא, גיב ברעקפעסט, „אי מאסט גא טו שוהל".

— „פויזען אי וויל גיוו יו" — האט די מאמע איהם געענט־פערט, — „טו דיי איז יום כפור, אין שוהל געה דו טרעמפ, דו געמבלער, דער טאטע קען פאסטען און דו ביסט קראנק?"

— אל רייט, ענטפערט איהר דער „בוי־אק", „גיוו מי דזשאסט ברעקפעסט, דען א'ל פאסט עפטער!"

— דו ביסט ניט קראנק צו פאסטען א גאנצען טאג — האט איהם די מאמע געענטפערט און איהם ארויסגעשטופט אין שוהל אריין.

אז דער „בוי־אק" איז געקומען אין שוהל, איז דער זייגער גע־ווען שוין צוועלף. שטיל האט ער זיך אריין גע'גנב'ט, אוועק־געשטעלט זיך אין א ווינקעל און גענומען ווארפען אויגען וואו גע־

פינט זיך דער טאטע, א קוק אהער, א קוק אהין, און ער זעהט ניט דעם טאטען.

דער „בן־אק" איז ארויפגעקראכען אויבען אן און האט אויס־געפונען אז דער טאטע פיהלט נָט גוט פון פאסטען, און ער איז ארוים כאפען א ביסעל פרישע לופט.

אויב אזוי, טראכט ער זיך, געבענדיג א שטילען פייף מיט די פינגער אין מויל, האב איך דאך א געלעגענהייט צו געהן כאפען א ביים. ביז פאפא וועט קומען וועט דער צונג ווידער וויים ווערען. האט ער זיך געטרייסט — און גלייך זיך געלאזט געהן צו דער בויערי פאר א דינערעל.

אריינגעהענדיג אין רעסטאראנט, האט ער א ציטער געטאן ווי א פיש אין די שרעקליכע טעג... זיין פנים איז געווארען בלאס ווייל ער האט דערזעהן אין א ווינקעל זיין פרומען טאטען עסענדיג א גראבען סענדוויטש.

— וואס טוסטו דא? האט זיך מיסטער שטיינהארץ א קאך געטאן — דו משומד איינער!...

— וואס טוסטו דא? — האט איהם דער זוהן געפרעגט — דו פרעזידענט פון שוהל!...

— ארוים פון דאנען! — האט זיך שטיינהארץ געקאכט — איך וועל זאגען דער מאמען! דו גוי, דו ביסט קראנק צו פאסטען?

— און דו קענסט ניט פאסטען? — האט דער „בן־אק" גע־שריהען — דו האסט קיין כח ניט? אויב דו וועסט זאגען דער מאמען אויף מיר, וועל איך זאגען אין שוהל אויף דיר!...

מיסטער שטיינהארץ האט איהם בייז אנגעקוקט, געקריצט מיט די ציינער, געביסען די פינגער, געווארען רויט פון שאנדע — — — — — און געטריט דעם זוהן מיט א דינער...

אמעריטשקע גנב.

באלד ווי משה פלאסטער איז געווארען א בירגער האט ער באשלאסען אויפצוגעבען די שאפ און איינמאל פאר אלע מאל ווערען א ביזנעסמאן.

גערעדט און געטאן.

משה פלאסטער האט אויפגעפיקסט א פושקארט פון כל טוב און איז ארויס פעדלען, און זייענדיג א בירגער, האט ער גענומען די פולע רעכט צו געהן אין די רייכע גאסען. עס איז בעסער, זאגט ער צו „דילען" מיט רייכע ווי מיט ארימע..."

און גאנץ ברייטלאך, האט זיך אוועקגעשטעלט משה מיט זיין פושקארט אין איינעם פון די שעהנסטע קארנערס אויף 5־טע עוועניו, רופען די קאסטימער אויף זיין היימישען שטייגער."

קומט צו א פאליסמאן און הייסט איהם „מופען". זאגט משה, ער איז א בירגער און ער האט רעכט. דו מאכסט פון מיר א לעבען! — שרייט משה צום פאליסמאן.

— דו האסט נים קיין רעכט, — שרייט דער גראבער פאליסמאן, דא וואוינען רייכע לייט...

הערט דאך משה דעם פאליסמאן ווי דעם קאטער און שרייט ווייטער.

רעדט ניט מעהר דער פאליסמאן און נעהמט אן משה'ן פאר'ן קאלנער און פיהרט איהם אפ מיט דער פושקארט זעקס בלאק ווייטער. דא, זאגט דער פאליסמאן, מעגסטו שטעהן.

און משה זעהענדיג אז ער קען זיך ניט העלפען, בלייבט שטעהן אויף דעם קארנער און נעהמט פאנאנדער זיין סחורה און רופט קונים.

משה האט נאך ניט געלייזט קיין סענט, קומט צו א סטריט קלינער און בעט איהם איבערגעהן אויף דער אנדערער זייט, ווייל דא דארף ער וואשען די סטריט.

— יעצט זעהט איהר, וועט איהר שוין מעהר ביי מיר ניט

אויספיהרען, — האט בייז געענטפערט משה, — איך בין א בירגער, איך האב „סיטיזען פייפערס" בין איך באליבאס.

אז דער סטריט קלינער האט געזען אז ער קען גאר ניט אויספיהרען, האט ער מעהר מיט איהם ניט גערעדט, נאר אוועק צו זיין ארבייט. און אין דער צייט פון פינף מינוט, איז משה געווען אויסגעבאדען ווי א קאטשקע.

זעהט משה פלאסטער, אז דער סטריט קלינער קען איהם ניט, אז ער ווייסט גאר ניט, אז ער מאכט א לעבען פון משה'ן, האט משה שנעל באשלאסען צו ווייזען אזא פראסטען סטריט קלינער ווער משה איז. און אויף שנעל האט ער ארויסגעכאפט דעם סלופעק, וואס שפארט אונטער דעם פושקארט און האט דעם סטריט קלינער צעבראכען רוקען און לענד.

אויף די געוואלדען פון דעם צעשעדיגטען סטריט קלינער איז געקומען א פאליסמאן און האט משה'ן ארעסטירט.

דער ריכטער האט אבער יא רעספעקטירט משה'ן אלס בירגער, און האט איהם בלויז באטשטראפט מיט דריי מאנאטען פריזאן...

אז משה פלאסטער איז אפגעזעסען די דריי מאנאטען און איז געקומען א היים, האט ער געטראפען זיין פרוי מיט די קינדער מיט זיין גאנצען פארמעגען ליגען אין גאס. א פערוואונדעטער האט ער געפרעגט ביי זיין פרוי: ווי געפעלט דיר אמעריקא? איך, א בירגער, א סיטיזען, א באליבאס אין לאנד, לאזט מען מיר ניט שטעהן מיט א פושקארט אין גאס. און דו, א פרוי, א גאר ניט... א גרינהארן, לאזט מען דיר שטעהן מיט אלע בעבעבעס. מיט אלץ מיט אנאנדער און ניט נאר אויפ'ן סטריט, נאר טאקע אויפ'ן סייד וואק. נו, האסטו וואס צו רעדען אויף אמעריקא?...

א ביזנעסמאן...

גימפעל געגעץ, איז א איד וואס גלויבט ניט אין ארבייט, ער זאגט: אז יעדער מענש מוז האבען א ביזנעס, און דער וואס האט ניט קיין ביזנעס, דער איז קיין מענש ניט. ווייל א מענש מיט

פארשטאנד האט אלע מעגליכקייטען צו ווערען א ביזנעסמאן.

— אט נעהמט א ביישפיעל פון מיר, — זאגט זיך שטאלץ ארויס גימפעל געגעץ, און האלט דערביי זיין גאלדענע קייטעל ארומגעדרעהט ארום דעם גראבען פינגער.

— איהר ווייסט דאך יא, — גיט מיר גימפעל א שטורד מיט'ן פינגער אין הארצען — געדיינקט איהר ווי איך בין געקומען דא אין לאנד, קיין פעני ביי דער נשמה, מיין איינציג פארמעגען איז באשטאנען פון א ווייב און אכט קינדערלאך, זאלען לעבען... זעקס מיידעלעך און צוויי בנים. נו, וואס דענקט איהר האט אזא איך ווי גימפעל געדארפט טאן? געוויס וועט איהר זאגען ווי דער לאנדסמאן פיוויש, אז די ערשטע זאך ווערט מען אין אמעריקא א אונטערפרעסער, און נאך דעם א גאנצער פרעסער. האט טאקע גימפעל גלייך געזאגט לא... און טאקע מיט א אלף. ביי א גאנז קען מען קיין האבער ניט קויפען. אויב יענער גיט מיר מאכען די ארבייט, מאכט יענער די געלד... און גימפעל איז טאקע גלייך גע־ווארען א ביזנעסמאן.

— אז איהר האט ניט געהאט קיין פעני ביי דער נשמה — וויל איך כאפען גימפלען ביי א ליגען — טו ווי אזוי האט איהר נעמאכט ביזנעס?

— אט דאס איז דאך טאקע דער קונץ! — צעלאכט זיך גימפעל — מיט געלד איז א חכמה? א קונץ איז אהן געלד!... און איבערהויפט א ביזנעסמאן... גיט זיך אלע מאל אן עצה. דאס ערשטע האב איך ארויסגעשיקט מיין דזשייקלען פעדלען מיט פיי־פערס, און אזוי בין איך אוועק ווייטער, אלעמען געמאכט פאר ביזנעסלייט.

אייבי'ן — „שאינעז שיך".

לאה'קען — פעדלען מיט „גאם".

רבקה'ן — מיט אינדיען „נאטס".

שרה'ן — מיט „קענדי".

רייטשלען — מיט „נאז טיכלער".

חנקה'ן האב איך געשטעלט ביי א פושקארט מיט קאלטע „קוואס", 2 סענט א גלאז.

אפילו מיין מוזינקעלע, גיטעלע, האט אויך געטאן ביזנעס, מיין אידענע איז געשטאנען מיט א פושקארט וואטערמעלאן, האט די קליינינקע געשריהען „א פעני א פיס!“ און איך אליין בין אויך ניט געשטאנען מיט פארלייגטע הענט, איך האב מיר געהאט א אויוועז מיט „האטקארן“, „סוויט פאטייטאס“, און א וועגעלע מיט „הייסע ארבעס און הייסע באב„..

— שעהנע ביזנעס! — גיב איך א שמייכעל — היינט וואו נעהמט מען אזוי פיעל קינדער? ניט יעדער טאטע קען צוזאמענשטעלען אזא ארמיי...

— דאס איז אויך ביזנעס! — גלעט זיך גימפעל איבער זיין פליכעוואטע קאפ — און איהר מיינט אז איך בין געבליבען שטעהן ביי די ביזנעס? א מענש א ביזנעסמאן ציהט אלץ ווייטער און ווייטער, אז איך האב אנגעקוקט דעם ערשטען הונדערטער, האב איך פארופען א מיטינג פון מיין „טראסט קאמפאני“ און פארגעשלאגען א פלאן אז איך געה קויפען א קענדי סטאר, און גערעדט און געטאן,... אין צוויי וואכען ארום בין איך שוין געשטאנען אין א ווייסען פארטוך, און געווען דער ריכטיגער ביזנעסמאן, און ווי צו טאן ביזנעס דארף מען גימפלען ניט לערנען. איך און מיין ווייבעל זיינען מיר געשטאנען אינסייד, פון דרויסען האב איך מיר אויסגעשטעלט א ליין פון מיינע דערוואקסענע טעכטער, אלע שטיק אין שטיק... און איהר ווייסט דאך, — גיט ער מיר ווידער א שטורך אונטער׳ן הארצען, — באיעס געהן פארביי און זעהן שעהנע מיידלאך... שטעלט מען זיך אפ, און יעדער וויל נאטירליך זיין א דזשענטעלמאן, נו, וואס פארשטעהט איהר ניט? איינער נעהמט א באקסעל טשאקאלאר, א מאלטעד, און טאקע נאך איינעם, און נאך איינעם, און מיינע טעכטער זאלען לעבען, זיינען ביזנעסלייט, ווי דער טאטע... זיי ווייסען אז וואס מעהר זיי וועלען עסען, אלץ מעהר וועט דער טאטע לייזען... נו, וואס זאל איך דיר זאגען ברודער׳על, צענעהט זיך גימפעל פון געלעכטער, לייזט מען געלד ווי בלאטע.

היינט זאגט אליין, דארף א מענש ארבייטען אין א שאפ? ברענען זאלען די שעפער מיט די באסעס אין איינעם, פארענדיגט

גימפעל גענעץ זיין געשפרעך איבער „ארבייט און ביזנעס“.

און שטאָלץ הויבט אויף דעם קאָפּ גימפּעל, און גיט ארויס איין אָרדער צו זיין ארמיי, לאה, רבקה, רייטשעל, שרה. — וואו דרעהט איהר זיך ארום אין גאַס? ווארום אַטענדעט איהר ניט צו די ביזנעס? איהר זעהט דאָך אז איך שטעה שוין לײדיג!

געכאַפּט דעם גנב.

לויפט אריין א פאַרסאָפּעטע מיסעס בעזים מיט א האַלבע „ספּרינגעל“ אין האַנט, שילטענדיג דערביי דעם פאַרמער: — איהם זאָל אַזוי פינסטער זיין אין זיינע אויגען, ווי דאָ איז פינס־טער אין קיטשען. —

בריהט שנעל אָפּ די פעדערען, בוכטשעט אריין אין טעפּעל און שילט ווייטער: — א פאַרם פאַרברענט זאָל דאָס ווערען! אז 24 פרויען דאַרפען קאָכען אין איין קיכעלע, גרויס ווי א בעד־רום, זיין וועלט זאָל איהם אַזוי ענג זיין, א וואונדער וואָס מען בריהט זיך אָפּ? אז יעדער פרוי שטופּט איהר טעפּעל אויפ׳ן זעלבען פּלאַץ און דערצו איז נאָך קיין האָלץ אויך ניטאָ.

— מיסעס בעזים! — גיט א געשרעה א פרוי — אייער זופּ לויפט.

מיסעס בעזים לויפט צו — גיט א מיש אין טעפּעל — און שרייט אויס, ווי ניט מיט איהר קול — גנבים וואָס איהר זייט, יאַכנעס, א בראָך נאָך אייך, א וואו איז מיין האַלבער „ספּרינגעל?“ איצט אריינגעלעגט אין טעפּעל און שוין ניטאָ!

די נייעס האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער׳ן פאַרם און דער פאַרמער האָט גענומען זוכען ווער פון די פרויען האָבען דאָס גע׳גנב׳עט דעם האַלבען „ספּרינגעל“. און ארויסגעוויזען האָט זיך, אז מיסעס בעזים אַליין, האָט געמאַכט א טעות, אַנשטאָט אריינצו־לעגען דעם „ספּרינגעל אין איהרע „פליישיגע לאָקשען“, האָט זי דאָס גאָר אריינגעלעגט ביי א צווייטער פרוי אין די „מילכיגע פאַרפעל“...

א סימן...

שטעהען זיך די 24 „רומערקעס“ אין דער גרויסער קיך, און רעדען איבער אלעס אין דער וועלט, מישענדיג דערביי די טעפלאך.

איין פרוי געהט צו צום אייז באקס נעמט ארויס א סלוי מיט קרים און וויל נעמען עסען.

א צווייטע איז באלד אונטערגעשפרונגען און זיך שטארק צע־שריהען — פארוואס זאלט איהר עפעס נעמען מיין קרים ?

דאס איז מיינע ! — האט זיך די ערשטע נאך העכער צעשרי־ען, — איך האב א סמן.

און איך האב אויך א סמן — האט זיך נאך העכער צעשריען די צווייטע.

א דריטע איז באלד צו געקומען און גענומען מאכען שלום. אבער אזוי רעדענדיג גיט זי א פאטש מיט די הענט, אויסשריי־ענדיג : יענטעס וואס איהר זייט ! דאס איז דאך אייערע ביידענס ניט, דאס איז דאך מיין „סלאי“ מיט די קרים, איך האב נעכטען געקויפטביים פארמער און געמאכט א סמן אויף איהם.

א פערטע פרוי איז מיט כעס צוגעלאפען און גענומען שיל־טען — וואס איז דאס פאר א שווארץ יאהר אויף אייך, איבער א ביסעל קרים דארף מען זיך אזוי פיעל קריגען ? און א כאפ טוענדיג דעם סלאי אין האנט, וועלענדיג איהם ארויסווארפען דורכ׳ן פענ־סטער, האט פלוצלונג די פרוי אויסגעשריען ווי מיט א משוגענעם קול : פארדרייען זאלט איהר זיך אייערע קעפ, דאס איז דאך מיין סלאי מיט די קרים, און די שרייט גאר אז דאס איז איהרע, און די שרייט אז דאס איז איהרע, און דערוייל האט מען מיר שוין באלד גע׳פטור׳ט א האלבען סלאי מיט קרים“.

די איבעריגע פרויען דערהערענדיג די געוואלדען האבען אוועק־געווארפען זייערע טעפלאך און צוגעלאפען זעהן וואס דא טוט זיך.

און ווי מיט איין קול האבען אלע פרויען אויסגעשריען :
— ס׳איז מיינע קרים ! איך האב נעכטען געקויפט ביים פארמער דעם סלאי און געמאכט א סמן.

ווען אלע האבען זיך גוט צעקריגט און געריסען פאר די האר,

האט מען זיך גענומען צום אייז באקס און אויסגעפונען, אז אלע „סלאיעם“ האבען דעמזעלבען סמן.

און אפגעטאן זיי האט דאס סעמקע לץ, ווייל אלע ווייבער האבען איהם געבעטען ער זאל זיי מאכען א סמן אויפ'ן סלאי...

וואו ס'כאפט זיך פיש.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך איהר אנקומען אויף דעם פארם, איז די בארדערקע א נישט־צופרידענע צוגעגאנגען צום פארמער און זיך געהייסען פיהרען צוריק צום סטיישאן.

— צום סטיישאן נאר? — האט זי דער פארמער געפרעגט מיט פארוואונדערונג — וואס איז דער מער?

— איהר האט מיך אפגענארט — האט די בארדערקע בייז געענטפערט — איהר האט מיר געזאגט, אז מען קאן ביי אייך כאפען פיש — און עס הויבט זיך גאר ניט אן.

— וואו האט איהר געפרופט כאפען פיש?

— ס'הייסט וואו? אין טייכעל.

— איהר זייט א גרינע — האט זיך דער פארמער צעלאכט — פיש געהט איהר כאפען אין טייך? — זעאט זיך דארטען אין העמאק, אונטער'ן בוים — וועלען די „העכט“ אייך קומען אין האנט אריין.



פון שאָפּ אַרוים

מיין ערשטער מאַרש דעם ערשטען מאַי.

(אַז עראינערונג)

עס איז געוועזן אַ ליכטיגער פריה־מאָרגען, פול מיט שטראַה־לען, ווי די זון אַליין וואָלט געפייערט אַ יום טוב.

פאַר מיר איז דאָס אָבער געווען אַ געוויינליכער אַרבייטס־טאַג. ווען ניט דער קאַלענדאַר אויפ'ן וואַנט, וואָלט איך ניט גע־וואוסט, אַז דאָס איז דער ערשטער מאַי.

געאַרבייט האָב איך אין אַ שאַפּ, אונטער אַ שקלאַפערייִ, קאַנטראַלירט פון אַן אייזערנער האַנט. געשקלאַפט האָב איך זי־בען טעג אין וואָך, פון 6 אין דער פריה ביז 8 אין אָוועגט, פון קיין פרייער צייט האָב איך ניט געוואוסט.

אַזוי ווי יעדען טאָג בין איך אויך אַריינגעקומען דעם ערשטען מאַי צו דער אַרבייט, האָב איינגעבויגען מיין קאָפּ ביי דער מאַ־שין און נעפּלויגען, ווי פון טייפעל געיאָגט.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אין דעם גערויש פון די פּרעס־אייזענס, שער־קלאַנגען און מאַשין־הוזשעריי — די טענער פון מוזיק, — וואָס אַמאַהל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

דער פאָרמאַן איז געוואָרען ווילד, ווי אַ משוגע'נער הונט. ער האָט גענומען אַרומלויפען איבער'ן שאַפּ און פאַרמאַכט איין פענסטער נאָך דעם צווייטען.

עס האָט איהם אָבער ניט געהאָלפען. די טענער פון דער קאַמף־מוזיק האָבען זיך דורכגעריסען. און איך, ניט וויסענדיג וואָס די מוזיק באַדייט, האָב געפילט, ווי עס רופט און וועקט צו שטעלען זיך אויף די פיס, און דערמאַנען זיך, אַז אַ מענש האָט אַ נשמה. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו די מאַשינען, די פּרעס־אייזענס און די שערען קלאַפּען צום טאַקט פון דער מוזיק.

איך האָב מער ניט געקענט איינזיצען, כּין צוגעלאָפען צום פענסטער זעהן, וואָס דאָס איז, ווער שפּילט דאָס מיט אַזוי פיל כשוּת, וואָס רופט צום לעבען.

און וואָס האָב איך דערזעהן: — מיט אַ רויטע פאָהן פאַר־אויס מאַרשירט אַ בּענד מוזיק, און הינטער איהם טויזענטער און טויזענטער מענשען קעפּ, מיט פאַרביגע קאַמפּ'ס רופענדע אויפ־שריפטען. איך האָב געגומען שלינגען יעדען וואָרט, קלאַפּענדיג מיט'ן פוס צום טאַקט פון דער מוזיק. די אַרבּייטער אין שאָפּ האָ־בּען דאָס ניט באַמערקט, ליגענדיג איינגעגראָבען אין זייער אַרבּייט. נאָר מאָריס, דער אָפּערייטאָר, וואָס איז געזעסען לעבען מיר, האָט מיר פּלוצלינג דערלאַנגט אַ זעץ אין פּלייצע, מורמלענדיג: געה אַוועק, דער פאָרמאַן געהט.

ווען איך האָב אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, האָב איך שוין גע־טראָפען שטעהענדיג דעם פאָרמאַן לעבען מיין מאַשין. ער האָט דעם שטול צוגענומען און די סילק אַרויסגעריסען „

— „מאָרסאַלעזעלאַד“ — ווילט זיך דיר! — האָט ער ווי אַ ווילדע חיה זיך צעשריען — דיין פוס זאָל שוין דאָ ניט זיין אין שאָפּ! אַרויס דו הונט, איך וואָרף דיר באַלד אַרונטער פון אַלע טרעפּ!

איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין ראָק און העט, און מיט טרערען אין די אויגען אַרונטערמאַרשירט פון די טרעפּ.

דאָס איז געווען מיין ערשטער מאַרש — דעם ערשטען מאַי.

יונה פּעפּער...

זיין נאָמען איז געווען יונה קנעפּעל, דאָך גערופען האָט מען איהם יונה פּעפּער, און דאָס איז געווען דערפאַר ווייל יונה האָט ליעב געהאַט אַ סך צו שלאָפען. ביי דער אַרבּייט געשלאָפען, ביים פאָהרען צו דער אַרבּייט און פון דער אַרבּייט געשלאָפען, און אפילו ביים עסען אויך געשלאָפען.

ניט איין מאָל האָט פּאַסירט אַז יונה זאָל ביים טיש אַנשלאָ־פּען ווערען מיט'ן לעפעל אין מויל, אָדער אַ לעפעל מיט הייסע זופּ אריינרוקען אין נאָז.

אום ער זאָל זיין זיכער מיט'ן אויפשטעהן צו דער ריכטיגער צייט, האָט זיך יונה באַזאָרגט מיט דריי וועק זייגערס. דער ער־שטער פּלעגט איהם אויפוועקען האַלב נאָך פינף. נאָכדעם פּלעגט יונה זיך איבערקעהרען אויפ'ן אַנדער זייט און ווייטער שלאָפען. דער צווייטער וועק זייגער פּלעגט איהם אויפוועקען אום זעקס, און דער דריטער אום האַלב נאָך זעקס. דאַן פּלעגט ער שוין אַרויס־קריכען פון בעט, שנעל אָנטאָן זיך, אַריינלייגען אין סעטשעל דעם דינער וואָס זיין ווייב פּלעגט אָנגרייטען, און שלאָפענדיגערהייד פּלעגט ער טרעפען צו זיין קאַר, פאַרקריכען דאָרט אין אַ ווינקעל, פאַרלייגען מיט'ן קאָפּ און שלאָפען ביז דער קאָנדוקטאָר וועלכער האָט שוין געקענט זיין „קאַסטימער" — פּלעגט איהם הייסען אַרויסגעהן.

גאַנץ אָפט פּלעגט טרעפען אַז ווען יונה פּלעגט עפענען זיין סעטשעל, פּלעגט ער דאָרט געפינען אַ פּאָר קאַלאָשען, אַן אַלטען קאַפּעליוש, אָדער עפּעס אַנדערש, וואָס ער פּלעגט פאַרשלאָפענער־הייט איינפּאַקען אַנשטאָט זיין דינער.

אַ פאַרשלאָפענער איז איינמאָל יונה געקומען מיט זיין סעט־שעל צו דער אַרבייט.

אין שאָפּ, ווען אַלע זיינען געזעסען ביים טיש און געאַרבייט, האָט זיך דערהערט אַ שטילער שאַרכען ערגעץ אין אַ ווינקעלע. מ'האָט זיך גענומען צוהערען, און דער חשד איז גלייך געפאַלען אויף יונה'ס סעטשעל.

אַלע האָבען באַלד אָנגעפאַנגען צו לאַכען און מאַכען באַמער־קונגען. איינער האָט געזאָגט אַז ניט אַנדערש ווי אַ שד איז אינוועניג, אַ צווייטער האָט געזאָגט אַ גלגול, אַ דריטער — אַ קאַץ, און אַ פערטער — אַ וועווערקע.

יונה אַליין האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט פון שלאָף און ער־קלעהרט, אַז דאָס איז ניט אַנדערש ווי אַ מויז, ווייל אין סעטשעל געפינען זיך אַלע מאָל ברעקלאַך.

דער גאנצער שאפ האט אויסגעשאסן אין א געלעכטער.

באלד איז געווארען א געלאף איבער'ן שאפ. יעדער האט געסטאפט פון דער ארבייט צו זעהן די אויסשטעלונג, ווי מען וועט כאפען דעם קליינעם געפאנגענעם.

די מיידלאך האבען זיך געשטעלט אויף זייערע שטוהלען און גענומען שרייען, קוויטשען, ווי דער שטייגער איז פון פרויען, אז זיי דערהערען אזא זאך.

איינער האט גלייך פארגעשלאגען אז, אום צו זיין זיכער אז די מויז זאל ניט קענען אנטלויפען, זאל מען זיך באזארגען מיט א קאץ.

„גערעכט!" — האבען די אנדערע אויסגעשריען, און באלד האט זיך ארויסגעלאזט א קאמיטע נאך א קאץ, וואס האבען אין א האלבע שטונדע געבראכט אכט קעץ.

באלד האט דער באס ארונטערגעלאזט די עלעקטרי. אלע האבען געסטאפט פון דער ארבייט און יעדער פון די ארבייטער האט זיך באזארגט, ווער מיט א שטעקען, ווער מיט א טשער, און ווער מיט א געז־פייפ, און אלע האבען זיך צושטעלט אין ליין מיט די קעץ ביי דער זייט, ווי מלחמה העלדען, גרייט צו באפאלען דעם שונא.

צוויי אונערשראקענע ארבייטער זיינען אויסגעקליבען געווא־רען צו עפענען דעם סעטשעל, און מיט א העלדישען מוט זיינען זיי צוגעגאנגען און א עפען געטאן, אויסשרייענדיג: „געוואלד!"

און א גרויסער געלעכטער האט ארויסגעפלאצט ווען אלע האבען דערזעהן וואס אין סעטשעל געפינט זיך.

דארט זיינען געלעגען יונה'ס דריי וועק זייגערס וואס ער האט פארשלעפט אנשטאט זיין דינער.

דער גרינער.

ווען יאַנקעל דער שניידער האָט נאָר אריבערגעטראָטען דעם שוועל פון אַמעריקא, און האָט אריינגעקראָגען זיין פּעקעל באַגאַזש אין די הענד, האָט ער דאָס ערשטע געזעהן צו זיין היימישער יוניאָן ביכעל פון דעם שניידער פאַראיין איז דאָ.

דער ביכעל, דאָס איז געווען זיין שטאָלץ, מיט דעם האָט ער גע־וואוסט, וועט ער קענען דורכברעכען יעדע אייזערנע וואַנד וואָס וועט איהם שטעהן אין וועג, פון צו ווערען דער בעריהמטער שניי־דער ווי ער איז געווען אין דער היים.

יאַנקעל האָט זיך גלייך מישב געווען מיט פריינד, צו וואָס ער זאָל זיך נעהמען פאַר אַן ארבייט. און אַלע האָבען איהם געראָטהען אַז ער זאָל נאָר ווערען אַ אָפּערייטאָר. ערשטענס, באַצאָהלט זיך דאָס בעסער, און צווייטענס, איז עס גלאָט אַנשטענדיגער ווי „שטשאָבען" מיט'ן נאָדעל. און יאַנקעל איז גלייך אַוועק צו דעם אָפּערייטאָר מיטינג, זיך אַוועקגעשטעלט אין דער רייהע, און גע־וואַרט מיט אונגעדולד צו זעהן ווי די אַמעריקאַנער ברידער וועלען אויפכאַפּען אַ „טאַוואַרישטש" פון זייער אַלטער היים.

ער האָט זיך דערוואַרט. אַ יונגערמאַן האָט איהם אריינגע־רופען, און אַ צווייטער האָט איהם גלייך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס פאַרלאַנגט איהר?

— אַ יוניאָן ביכעל. — האָט דער גרינער געענטפערט.

— זייט איהר אַ שניידער?

— געוויס! — האָט דער גרינער פאַרזיכערט.

— קענט איהר נייהען ביים האַנט? — האָט איינער פון די „פּראָקוראָרען" איהם ווידער געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ פראַגע? — האָט דער גרינער מיט שטאָלץ ארויסגעזאָגט — שוין צוועלף יאָהר ווי איך ארבייט ביי שניידע־ריי.

דער טשערמאַן האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און בייז אויס־געשריהען:

— מיר נעהמען ניט אריין קיין שניידער! איהר דארפט געהן צום שניידערס לאקאל.

ער האט זיך ניט געשפּארט, אנגעפרעגט וואו עס מיטעט דער שניידער לאקאל, און אוועק מורמלענדיג: — נאך אלעמען וואס הארט מיך וואו איך וועל ווערען א יוניאן מאן? אבי האבען א ביכעל מיט א פּלאץ אין א פאבריק.

איז ער געקומען צו די שניידער. זיך ווידער אוועקגעשטעלט אין דער רייהע און זיך דערוואַרט.

א קליין מענשעלע האט א עפען געטאן די טיהר, און איהם אריינגערופען.

— וואס פארלאנגט איהר? — גיט איהם דער טשערמאן א פרעג.

— א יוניאן ביכעל. — האט דער גרינער געענטפערט.

— גוט וואס ניט קיין באנק ביכעל. — גיט א זייטיגער א שפאס פון איהם.

מאכט זיך דער גרינער ניט וויסענדיג, און זאגט איבער נאכאמאהל: א יוניאן ביכעל וויל איך.

— וואס קענט איהר טאן? גיט איהם א צווייטער א פרעג.

— וואס הייסט וואס? איך קען אלץ! — פארזיכערט זיי דער גרינער. — איך קען ארבייטען ביי דער מאשין און מיט דער האנד, און אז מען דארף, קען איך אויספּרעסען א גארניטער אויך.

— הייסט דאס אז איהר קענט ארבייטען ביי דער מאשין.

— כאפּט איהם אונטער א דעלעגאט, — טא פאר וואס געהט איהר ניט ווערען א אפּערייטאר?

— איך בין שוין געוועז. — טרייעט זיי דער גרינער צו ערקלעהרען — זיי האבען מיר אבער איבערגעשיקט אהער צו אייך.

— פארוואס? — פרעגט איהם ווידער דער טשערמאן — ווילט איהר דען ניט ארבייטען ביי דער מאשין?

— יע! — האט זיך דער גרינער דערפרעהט, — געוויס, וויל איך! אדרבא, מאכט מיר פאר א יוניאן מאן.

— דאס קענען מיר ניט. — האט דער טשערמאן א קלאפּ גע־

טאָן מיט'ן האַמער. — צו ווערען אַ מעמבער ביי די אַפּערייטאָרס מוזט איהר געהן צו זייער קאַמיטע.

— בין איך דאָך שוין געווען. — האָט זיך דער גרינער צע־טענה'ט — נאָר זיי האָבען מיך אָהער געשיקט, טאָ וואו זאָל איך יעצט ווידער געהן?

— איהר קענט דאָך פּרעסען אויך זאָגט איהר, — איז אויפ־געשפּרונגען אַ נייער דעלעגאַט — טאָ געהט אייך צו די פּרעסערס. אַלע מוזען ניט נייען, מען דאַרף פּרעסען אויך.

— זאָל זיין אַ פּרעסער, זאָל זיין וואָס עס איז, אַבי איך זאָל קאָנען אַרבייטען און מאַכען אַ לעבען. — האָט דער גרינער כמעט געוויינט, קלאַפּענדיג מיט דעם היימישען יוניאָן ביכעל פון איין האַנד אין דער צווייטער.

ער האָט גענומען דעם אַדרעס פון די פּרעסערס. און האָט זיך ווידער אוועקגעשטעלט אין דער רייהע. נאָך אַ דריי שטונדען וואַר־טען, האָט ער זיך דערוואָרט.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט דער טשערמאַן איהם אַ פרעג געטאָן די בעקאַנטע פראַגע.

— אַ יוניאָן ביכעל! — האָט ער געגעבען דעם אַלטען ענט־פער.

— וואָס דענקט איהר צו טאָן מיט דעם ביכעל? — האָט איהם איינער פון דער קאַמיטע אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט וואָס? — איז ער געבליבען אַ ווײַלע שטעהן ווי צוטומעלט, — קריגען אַ פּלאַץ צו דער אַרבייט.

— וואָס קענט איהר אַרבייטען?

— פּרעסען בגדים. — האָט ער ווי אַרום געשטאַמעלט.

— ווי קענט איהר פּרעסען? — האָט איהם שוין דער טשער־מאַן גענומען אויפ'ן צימבעל — אַז איהר זענט דאָך נאָך ערשט אַ גרינער.

— יע, — האָט יאַנקעל זיך פאַרענטפערט — איך בין אָבער אַ שניידער פון דער היים. אַרבייט שוין צוועלף יאָהר ביי שניידעריי, איך קען שטעפּען, נייהען, און פּרעסען, איך פּלעג שוין אַליין מאַ־כען אַ גאַנצען גאַרניטור אויך.

— דער טשערמאַן האָט איהם גלייך אונטערבראָכען.

— איהר וועט אונז מוחל זיין, איהר זענט אַ גרינער, איהר דאַרפט געהן ווערען אַ מעמבער ביי די קאַסטומער שניידער.

דער סעקרעטער וועמען דער גרינער האָט דערקענט פאַר אַ לאַנדסמאַן, אַ פאָרמאַן פון דער היים, האָט איהם געגעבען דעם אַדרעס און איהם משלח געווען מורמלענדיג — מיר האָבען שוין גענוג פרעסערס אָהן איהם.

געקומען איז דער גרינער יאַנקעל צו די קאַסטומער שניידער, און ווידער די זעלבּע פראַגען. יאַנקעל האָט אָבער איינגעזעהן אַז דאָס וואָס ער איז אַ שניידער פון דער היים ברענגט איהם צרות, און גראַדע וואָס ער קען אַלץ, טויג ניט, האָט ער באַשלאָסען ניט צו זיין מעהר קיין גרינער. און ווען דער טשערמאַן האָט איהם אַ פרעג געטאָן די אַלטע פראַגע:

— וואָס קענט איהר טאָן?

— גאָר ניט! — האָט יאַנקעל מיט שטאָלץ אַרויסגעזאָגט.

— איך וויל זיך לערנען פאַר אַ שניידער.

— ביי אונז איז ניט קיין סקוהל! — האָט דער טשערמאַן אַ קלאַפּ געטאָן מיט׳ן האַמער.

און יאַנקעל איז נעבּאַך ווידער געבּליבען אַ גרינער.

עס קומט זיי סטרייק בּענעפיט.

צוויי און דרייסיג יאָהר האָט געאַרבּייט אַ „סעט“ פאַר דעם קאָנטראַקטאָר מיסטער שימעל.

דורכגעאַרבּייט פאַר איהם דריי פּעריאָדעס פון מאַשינערייי, אָנגעפאַנגען אויף אַ „בּייסיקעל“-מאַשין, דערנאָך אויף „שאַר-ערס“, ביז דערגרייכט צו אַרבּייטען אויף „עלעקטריק“.

די מאַשינערי, די שאָפּ, און די ווערהויז, האָט זיך פון צייט צו צייט געבּיטען, די צוריקגעשטאַנענקייט און שקלאַפּישע נאַטור איז בּיי די אַרבּייטער געבּליבען ווי דעם ערשטען טאָג ווען זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו אַרבּייטען פאַר מיסטער שימעל.

ענדליך איז באשאפען געווארען א יוניאן, און האט אויס־געלערענט די ארבייטער צו קוקען אויף א זייגער, און ארבייטען ווי מענשען.

דעם אמת געזאגט, איז זיי אפילו געפעלען געוועזן די יוניאן קאנדישאנס... אבער נאכקומען די יוניאן רולס, דאס איז זיי געווען אוממעגליך.

איינמאל, אין צייט פון דזשענעראל סטרייק, איז דער „סעט“ פון שימעל'ס שאפ געקומען צו דער עקזעקוטיווע.

— וואס איז דאס? — האבען די עקזעקוטיוו דעלעגאטען זיך געפרעגט איינער ביים אנדערען — שימעל'ס שקלאפען זא־לען קומען אלע אין דער יוניאן, מוז זיין עפעס נייעס?

דער טשערמאן פון שאפ האט אבער לאנג ניט געלאזט טראכטען און גלייך ערקלעהרט דעם צוועק פון זייער קומען. אזוי ווי זיי סטאפען שוין א וואך צייט, ווילען זיי קריגען בענעפיט פון דער יוניאן.

— וואס איז די אורזאכע פון אייער סטאפען? — האט איינער פון די דעלעגאטען א פרעג געטאן דעם שאפ טשערמאן, אייער באס מיסטער שימעל האט דאך געסעטעלט מיט דער יו־יאן, קומט ער ניט נאך די יוניאן־קאנדישאנס?

— יע! — האט דער טשערמאן פארזיכערט, ער קומט נאך, די ארבייטער האבען אבער ניט געוואלט צאהלען דעם טעקס פאר די איבעריגע סטרייקער, האט די יוניאן אונז געסטאפט פון דער ארבייט.

און אזוי ווי מיר סטרייקען איצט, זיינען מיר בארעכטיגט צו בענעפיט....

אַ סטרייק ערב יום טוב.

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ שניידער באַס)

נו, וואָס זאָגט איהר ניט צו דער „יוני?" שוין געמאַכט מיר ווידער אַ סטרייק, און ווען — ערב יום טוב! געהערט אַזאַ מין זאַך, ערב יום טוב נאָר סטרייקען!

— פאַר וואָס פרעגט איהר? — זאָל איך אַזוי וויסען פון צרות, אַריינגעקומען דער „מאַכער," פון דער „יוני" און אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש, סטאָפּט! האָט דאָך מיר נאָט געבענשט מיט אַ טשערמאַן שטעלט ער זיך אַוועק און „פיו"... און אַזוי ווי מיט אַ פייף סטאָפּט ער מיר אָפּ די גאַנצע שאָפּ, לויף איך גלייך צו, אָבער טאַקע אויף די שפּיץ פינגער, ווייל איך ווייס דאָך די חברה האָבען אַ „יוני" און גיב איהם אַ פרעג, סוואָלאָטש, באָלשעוויק, וואָס פייפסטו? נאָך קנאַפּ איז דיר וואָס דו פייפסט אין דער פריה, פאַר דינער, און אויף דער נאַכט, פייפסטו שוין אין מיטען טאָג אויך? וואָס מיינט איהר האָט ער מיר געענטפערט, — איך פייף אויף אייך אויך...

אַז איך האָב דאָס דערהערט, האָט עס ווי אַ דונער מיך גע־טראָפען, ווער איך טאַקע בייז און וויל סטאָפּען די עלעקטרי, ערשט איך זעה, די חברה זיינען שוין ניטאָ, אַלע אַרונטער, אפילו דזשייק דער בייסטער, מיין בעסטער פריינד — ער געהט אויך.

ווער איך שוין אַ ביסעל ווייכער און רוף צוריק מיין פריינד, און אַזוי שמייכלענדיג ווי איינער זאָגט, וואָס ווילסטו גולם? האָב איך איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע און שטיל געפרעגט, וואו געהסטו ברודער דזשייק?

— „סטרייקען!" — ענטפערט ער מיר.

— וואָס, סטרייקען? בין איך געוואָרען בייז ווי אַ טיגער, דו פּאַסדקוניאַק! דו אונדאַנקבאַרער מענש! דו ביזט שוין אויך געוואָרען אַ באָלשעוויק? אַזוי דינסטו מיר דאָס אָפּ, האַ? ווען דו האָסט געפינישט לעצטען סיזאָן און האָסט ניט געהאַט וואָס צו פרעסען, ווער האָט דיר געליהען געלט? מיסטער פּעמפּיק! ווען

דו האסט ניט געהאט אויף קיין רענט און עס האט שוין געהאלטען דערביי מ'זאל דיך ארויסשטעלען אויפ'ן גאס, ווער האט דיר אויס־געבארגט 10 דאלאר אהן א סענט אינטערעסט? מיסטער פעמ־פיק. האסט געוואלט מאכען א שטונדע „אווערטיים", ווער האט דיר געגעבען? מיסטער פעמפיק. און יעצט געהסטו סטריי־קען? ! וואס אמת איז אמת, דער בחור האט אראפגעלאזט דעם קאפ און זיך פארשעהמט, און טאקע באלד האב איך ווידער אנגעהויי־בען צו רעדען, אזוי איז דאס דזשייק, דו פאלגסט שוין אויך די „יונע?" — יע, די „יונע" ענטפערט ער מיר. אבער וואס וויל די „יונע?" בין איך שוין ארויס פון די פאלעס, וואס איז? איך זשאלעווע אייך געז? איך זשאלעווע אייך קאטען? איהר האט ניט קיין ארבייט? — ווייסט איהר וואס ער האט מיר געזאגט ווי־לען זיי? — א טולער א רייז...

משוגעים וואס איהר זיינט — האב איך מיך צולאכט אויפ'ן קול, פאר א טולער געהט מען סטרייקען, דער טולער איז דאך היינט ניט מעהר ווי 30 סענט איז צוליעב 30 סענט געהט מען פארלירען א וואך ווידזשעס, מיט אווער טיים און אפשר נאך מעהר, פאר 30 פענאקעס, כא, כא, כא.

וואס מיינט איהר האט מיר מיין גוטער פריינד געענטפערט? וועט מען סטרייקען פאר דריי מאהל 30, אזא סוואלאטש, א באל־שעוויק!

וואס זאל איך אייך זאגען? איך האב דעם בחור געשיקט צום מיטינג רופען דעם חברה'מאן, דעם בחור דעם פייפער — איך וויל „צעטלען."

אין א שטונדע ארום קומט מיר א טעלעפאן פון דזשייקען איך זאל קומען אין דער „יונע", דרעה איך מיר א הער, אהין, כאפ ארויף מיין פוטערעל און געה מיר אוועק אין דער „יונע".

נו, וואס זאל איך דיר דערצעהלען? עס איז א סקאנדאל. זיצען ביי א טיש. צוועלף חברה וואס פארמאגען ניט מיין סמעט־ניק. פארשטעהסטו מיך, לאבודרעס! און דאצאלל! און מ'גיט מיר א פרעג: — וויפיעל קאטערס? וואס שניידט איהר? וויפיעל קאסט אייך א ראק? ווער מאכט די ארבייט? ווער

איז דער עקספּרעסמאַן? — ווער איך דאָך אַ אַנגעצונדענער און גיב זיי אַ פרעג וואָס איז אייערע ביזנעס אין מיינע ביזנעס? לאַכען זיי, און פון אַ ווינקעל שטעלט זיך אַוועק אַ באָלשעוויק, אַ יונגאַטש וואָס ווייסט ניט ווי צו מאַכען אַ קעשענע, און האַלט מיר אַ דרשה, די „יונג" וויל 44 שטונדען און 20 פּראָצענט אַ רייז. דעם אמת געזאָגט אַז די מינוט האָט מיר אַפּגענומען דער לשון, און איך האָב קיין וואָרט ניט געקענט ענטפערען. נאָר אַז איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיי דערלאַנגט ווי מיסטער פּעמפּיק קען, אַ כאַפּ געטאָן דאָס פּוטערעל אויפ'ן פּלייצע און אוים מיט דער „יונג", אַ מכה וועט איהר זעהן ביי מיר ניט קיין „יונג" שאַפּ. — האָב איך זיי געזאָגט און בין אַוועקגעגאַנגען. — — — — — —

וואָס פרעגט איהר וואָס דער סוף איז געווען? איהר ווייסט דאָך אַז מיסטער פּעמפּיק איז ניט קיין גזלן, די חברה האָט ביי מיר אַפּגעסטרייקט אַ זעקס וואָכען, האָב איך „געצעטעלט", וואָס דען איך וועל זיי לאָזען שטאַרבען פון הונגער?...

אַ גוטהאַרציגער באָס.

ווי יעדען טאָג פון יאָהר האָט זיך ערב יום כפור מיין באָס, מר. קופּערפּאַס, אַריינגעקייקעלט אין שאַפּ אַריין, אַנגעשאָלטען דעם בייסטער, אַ שפּיי געטאָן אויפ'ן אונטערפּרעסער, אַנגעבלאָזען זיך אויף דעם אָפּערייטאָר, אַרומגעדרעהט זיך אַ דריי מאָהל איבער'ן שאַפּ און אַוועקגעזעצט זיך אויף זיין ווייכען שטוהל אין אָפיס.

ער האָט אָבער לאַנג ניט געקענט איינזיצען. „קופּערפּאַס וועט באַלד עקספּלאָדירען. אימיצער וועט דאָ היינט אַריינכאַפּען אַ מפּלה". האָבען די אָפּערייטאָרס געמורמעלט.

געוועהנליך טרעפען די אָפּערייטאָרס, היינטיגעס מאָהל אָבער האָבען זיי נישט געטראָפען. אַנשטאָט אַ מפּלה, האָט זיך קופּערפּאַס אַרום געקייקעלט איבער'ן שאַפּ און אַנגעזאָגט די אַרבייטער, אַז

זיי זאָלען היינט נישט ארונטערגעהן צו דינער, איידער ער וועט עפּעס זאגען.

א מינע פון פּארוואונדערונג האט זיך באוויזען ביי יעדען אויף די ליפּען, יעדער איינער האט פּרובירט טרעפען, וואס א שטייגער וועט קופּערפּאס זיי זאגען? גאסי, די אפּטימיסטקע, איז געווען „שור" אז דאס שמעקט מיט א „רעיז" צום נייעם יאהר. דער שכל איז א פּראסטער: „אזוי ווי קופּערפּאר האט דעם יאהר באגראבען די ווייב, וויל ער זיך פאר מיר אויספּיינען".

אנדערע, ווידער, האבען געדענקט, אז קופּערפּאס וויל געבען מתנות די ארבייטער ערב יום־כפּור, כדי זיי זאָלען אויסבעטען פאר איהם א גוט יאהר, ווארים ער אליין געהט יום כפּור אין טשייני־טאון.

דער זייגער שלאגט 12. מר. קופּערפּאס קייקעלט זיך ארויף אויפ'ן טיש און נעהמט רעדען צו די ארבייטער:

„מיינע ברידער! איך וויים, אז איהר האט אזעלכע גוטע הערצער ווי איך, און איצט ערב יום־כפּור, פאדדינען א מצוה וויל אודאי יעדער פון אייך, ביי מיר אין בלאק וואוינט א קראנקער מאן, ארבייטען קען ער ניט, אויף קיין רענט האט ער ניט. האט ער אבער א לענדלארד א באנדיט, אן אויסוואורף, א כלב שבכלבים, וואס האט קיין רחמנות ניט אויף קיין מענשען, און וויל איהם היינט ערב יום כפּור, ארויסשטעלען אין גאר ארויס.

די ארבייטער זיינען איבערראשט געווארען פון קופּערפּאס'עס מענשליכע רייד, און האבען זיך גלייך געכאפּט צו די קעשענעס. אין פינף מינוט איז געשאפען געווארען 50 טאלער און א קאמיטע האט דאס גלייך אוועקגעטראגען צום קראנקען ארבייטער.

ווען די קאמיטע איז געקומען צום קראנקען, האבען זיי איהם דערצעהלט וואס פאר א פיינער מאן זייער באס איז, און וועגען דער פיינער רעדע וואס ער האט געהאלטען פאר זיי.

— ביי וועמען ארבייט איהר? האט געפרעגט דער חולה.

— ביי מר. קופּערפּאס.

— ביי דעם באנדיט? ביי דעם הונט? ס'איז דאך מיין לענדלארד!

אויף מארגען, ווען קופערפאס האט מיט גוטע ברידער גענע־סען זיין געשמאקען, יום־כפור’דיגען מאלצייט, האט ער זיך בא־ריהמט, ווי ער האט געראטעוועט א קראנקען טענאנט פון א לענדלארד א באנדיט, אן אויסווארף, א כלב שבכלבים.

און קופערפאס האט דאס מאהל געזאגט אן אמת.

זיך אפגערעכענט.

אויף זומער האב איך באשלאסען צו מופען פון ניו יארק. און קיין סך טראכטענדיג האב איך געדונגען רומס אויף די ניו לאטס. אין א פרייוועט הויז, אונטען האט געוואהנט דער לענדלארד און דער ערשטער פלאר איז געווען פאר מיר. גאנץ צופרידען בין איך געווען סיי פון די רומס, סיי פון לענדלארד, געהט אוועק א מאנאט צייט און מיר קומט דער ערשטער גאז ביל, ווערט מיר פינסטער אין די אויגען פון איבעראשונג, אז פאר דריי רומס זאל זיין אזא גרוי־סער גאז־ביל. לויף איך אוועק צו דער קאמפאני, און געפין אויס, אז דער לענדלארד האט „קאנעקטעד“ איין פייפ פאר ביידע פלארס, דאס הייסט, אז איך צאהל די גאז־בילס פאר מיין לענדלארד.

— איך טאר דאס ניט שווייגען, — האב איך ביי זיך בא־שלאסען — מיט א לענדלארד מוז איך זיך אפרעכענען! און איך האב געווארט פאר דער געלעגענהייט. אין א זונטאג פאהרט מיין לענדלארד אוועק קיין קוני איילאנד און איך בלייב אין הויז, קלער איך ניט קיין סך, און בויג אפ די אויל קלאט פון פלאר און לאז געהן מיט דעם גאנצען קראפט די וואסער פון סינק, נאך דעם פאר־שליס איך מיין הויז און געה אוועק.

צוועלף א זייגער ווען איך בין געקומען א היים, האב איך גע־טראפען מיין לענדלארד קלאפענדיג ביי מיר אין טיהר. — געוואלד, מיר ווערען פארפלייצט, פארמאכט די וואסער!

— וואס איז? — פרעג איך איהם.

ווערט ער שטארק צעקאכט — איהר האט דאך מיר א פולע הויז מיט וואסער אנגעלאזען, גיכער, מאכט צו דעם קראן!

— ערגערט זיך ניט, — ענטפערט איך איהם געלאסען, — זשאַלעוועט ניט מיין וואסער, אז איהר מעגט נוצען מיינע גאז, מעגט איהר נוצען מיינע וואסער אויך... זאל אייך זיין צו געזונד!

ווי צו קריגען אַ רייז.

חיים׳קע איז געווען באקאנט צו אלע אפערייטארס אלס איינער, וואס קאן ארבייטען פאר דריי, און דאך זיינען זיינע ווידזשעס געווען קליין, ניט מעהר ווי פון א שוואכען אפערייטאר, וואס קאן שוין ניט א דרעה טאן דאס רעדעל.

און געווען איז דאס דערפאר, וואס חיים׳קע איז געווען א שעמעוודיגער און האט זיך פשוט געשעהמט צו זאגען דעם באס אז ער קאן ניט מאכען קיין לעבען.

איין מאהל האט פאסירט, דאס חיים׳קע האט געפונען אין זיין פיידע אן איבעריגען דאלאר, ער איז צושראקען געווארען, ארונטערגעלאזט זיין קאפ, און פארשעהמטערהייט אויף גיך אריינגעטראגען דעם דאלאר צום באס אין אפיס.

דער באס האט אנפאנגס א נעהם געטאן דעם דאלאר און זיך צולאכט, באמערקענדיג צו חיים׳קען, אזוי ווי דו ביסט אזא פיינער מאן און דו ברענגסט מיר צוריק אן איבעריגען דאלאר, וואס דו האסט געפונען, דערפאר מאך איך דיר א פרעזענט דעם דאלאר, און פון היינט אן וועסטו קריגען מיט א דאלאר א וואך מעהר.

חיים׳קע האט זיך דערפרעהט און ניט געוואוסט ווי צו דאנקען דעם באס פאר אזא פיינקייט.

געהט אוועק א קורצע צייט, און חיים׳קע קען אלץ ניט מאַכען קיין לעבען, און א „רייז“ שעהמט ער זיך נאך אלץ צו בעטען.

און ווען חיים׳קע האט גענומען פּלאַנעווען ווי צו בעטען אַ „רייז״ האט ער זיך דערמאַנט — אַז זיין לעצטען „רייז״, וואָס דער באָס האט איהם געגעבען. און חיים׳קע האט בעשלאָסען, אַזוי ווי אַ דאָלאַר איז ניט גענוג, זאָל ער צוגעהן צום באָס און זאָגען, אַז ער האט געפונען אַן איבעריגען „פינפערעל״ אין זיין „פּיידע״.

אין דעם טאָג פון זיין „פּיידע״ איז חיים׳קע צוגעגאַנגען צום באָס, איהם איבערגעגעבען די פינף דאָלאַר, באַמערקענדיג שטיל:

— איך האָב עס געפונען איבעריג אין מיין „פּיידע״.

דער באָס האט איהם זעהר שעהן באַדאַנקט, צוגענומען דעם „פינפערעל״ און אריינגעלעגט צו זיך אין קעשענע.

געראַטעוועט דעם באָס.

פון דעם ערשטען טאָג ווי בערעל קנאָבס איז אריינגעקומען אין אַמעריקאַ, איז ער גלייך אוועק ארבייטען צו זיין לאַנדסמאַן מיסטער צאַפּער, אַ שניידער באָס פון דריי מאַשינען.

אַזוי האט בערעל געאַרבייט 12 יאָהר כסדר ניט וויסענדיג פון קיין סלעק, און פון קיין אַנדער שאַפּ.

פּלוצלונג ווערט מיסטער צאַפּער קראַנק, און קומט ניט אריין אין שאַפּ, און אַלע ארבייטער בלייבען זיצען אָהן אַ שטאָך אר־בייט.

זיצט זיך בערעל אַראָפּגעלאָזט דעם נאָז און טראַכט זיך וואָס וועט דאָ זיין ? וואָס טוט מען מיט אַזוי פיעל ליידיגע צייט ? און וואו קאָן מען קריגען עפּעס אַן אַנדער דזשאָב ?

— ווייסט איהר גאָר וואָס, — גיט אַ זאָג אַ צווייטער ארביי־טער פון „סעט״, — אַזוי ווי קיין אַנדער באָס קאָנען מיר ניט קרי־גען, און דאָ קיין ארבייט האָבען מיר אויך ניט, וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מיר זאָלען זיך זעצען זאָגען תהלים, און בעטען גאָט פאַר אונזער באָס, אפשר וועט גאָט זיך דערבאַרעמען אויף איהם, און מיר וועלען ווידער האָבען ארבייט.

גוט. — האט בערעל זיך אַ כאַפּ געטאָן און האט טאַקע באַלד גענומען זאָגן תהלים מיט גרויס אַפּעטיט.

איז אַוועק אַ טאָג, צוויי, און דריי, אַ וואָך, און צוויי וואָכן און דאָס תהלים זאָגן האָט גאָר נישט געהאָלפן, פאַרקערט, מיט יע־דן טאָג, איז מיסטער צאַפּער געוואָרן נאָך מעהרער קראַנק האָבן זיי באַשלאָסען אַליין צו באַזוכען איהם אין האָספּיטאָל, און פרעגן וואָס וועט זיין דער סוף? ווי לאַנג נאָך וועלען זיי אַזוי זי־צען און זאָגען תהלים, און ער וועט קריינקען אויף זייער רעכ־נונג?

אָבער קומענדיג אין האָספּיטאָל האָבען זיי אויסגעפונען, אַז מיסטער צאַפּער דאַרף ניט קיין תהלים זאָגען, נאָר ער דאַרף האָ־בען אַ קוואָרט בלוט פון אַ געזונטען מענשען, און דאָס איז די איינ־ציגע זאַך וואָס קען ראַטעווען זיין לעבען, און זיי אַ גוטען באָס...

ווען בערעל קנאַבס האָט דאָס דערהערט, איז אַ פריידע איהם אַרי־בער דורכ'ן לייב, — און האָט מיט כעס אויסגעשריען, — וואָס האָט איהר אַזוי לאַנג געשוויגען? וואָרום האָט איהר באַלד ניט געזאָגט? מיר וואָלטען דאָך שוין ביז היינט געאַרבייט.

און בערעל האָט באַשלאָסען צו געבען זיין בלוט פאַר'ן באָס. ערשטענס, וועט ער קענען גיכער געהן אַרבייטען, און צווייטענס, וועט ער ווערען אין שאַפּ דער קנאַקער וואָס האָט געראַטעוועט דאָס לעבען פון באָס. און קיין סך ניט געטראַכט, איז בערעל גלייך אַוועק צום דאָקטאָר כדי אַן אַנדערער זאָל ניט פאַרכאַפּען דעם כבוד, און געהייסען צאַפּען פון זיך בלוט וויפיעל מען דאַרף צו ראַטעווען דעם באָס.

אין אַ וואָך שפּעטער, איז דער באָס אַריינגעקומען אין שאַפּ, ווידער געזונט און שטאַרק.

בערעל אָבער, האָט נעבאָך ניט „דערלעבט" צו זעהן דעם נחת, ווייל אַוועקגעבענדיג זיין בלוט פאַר'ן באָס, איז ער אַליין גע־שטאָרבען...

פערכאַפּט געלד.

צוועלף יאָהר כסדר האָט יונה געאַרבייט פאַר מיסטער שטיינ־האַרץ דעם באָס, און טאַקע סטעדי, נאָך מיט אָווער־טיים...

און פּלוצלינג האָט זיך יונה אָנגעפאַנגען צו באַקלאָגען, אַז ער איז קראַנק, און טאַקע גוט קראַנק, קלערט ער ניט קיין סך און געהט מיט אַ קלאָג צום דאָקטאָר...

באַטאַפּט איהם דער דאָקטאָר פון אַלע זייטען און קומט צום שלום אַז יונה האָט „אַ טאַטש“ און ראַטה איהם וואָס שנעלער צו פאַרלאָזען די שאָפּ און פאָהרען אין קאַנטרי.

קומט יונה צום באָס און ערקלערט איהם אַז ער קען ניט אַרבייטען.

באַטראַכט איהם מיסטער שטיינהאַרץ פון קאָפּ ביז די פיס, און פאַנגט אָן צו לאַכען.

— ביזטו משוגע געוואָרען, צו וואָס? ערשט פאַנגט זיך אָן דער סיזאָן, ווילסטו פאַרלאָזען דעם שאָפּ?

וואָס טוט מען אָבער מיט דעם „טאַטש?“ — פרעגט איהם יונה.

— וואָס טויג דיר דער „טאַטש?“ דו כאַפּ אַריין דעם סיזאָן, ווייל אויב דו האָסט עס טאַקע, איז דאָך סאַי ווי סאַי דיין לע־בען גאָר ניט ווערט, איז וואָס דו וועסט אַריינכאַפּען, וועסטו האָ־בען...

זעהט יונה, אַז דער באָס איז גערעכט. באַשליסט ער ווייטער צו אַרבייטען און האָבען דעם „טאַטש“ אין דר'ערד...

געהט ניט אַוועק קיין צוויי וואָכען, און יונה האָט אָנגעפאַנ־גען צו שפּייען מיט בלוט, און אַזוי האָט ער פאַרפלעקט אַ ווייסען סוט. דערזעהט דאָס מיסטער שטיינהאַרץ און באַמערקט מיט אַ שמייכעל: — מיך רופט מען בלוט זויגער, מיך רופט מען באַנ־דיט! און יעצט זעהט, — האָט זיך שטיינהאַרץ געווענדעט צום טשערמאַן: — פעהלט דעם מאַן בלוט? ער שפּייט דאָך אפילו מיט בלוט“...

שטיינהארץ האט אבער קיין סך ניט געקלעהרט און האט א פרעג געטאן:

— וואס וועט אבער זיין מיט דעם סוט?

— איהר וועט מיר ארונטערנעהמען א דאלאר א וואך — האט יונה מיט זיינע לעצטע כחות ארויסגעמורמעלט.

אזוי איז אוועק צוויי טעג און יונה איז געפאלען ביי דער מאַ־שין.

ביים קבר לעבען טויטען האט זיך שטיינהארץ שטארק צו־כליפעט און זיך געווענדעט צו די ארבייטער:

— זעהט — האט ער אין א ביטערען געוויין אויסגעבראכען

— מיך רופט מען רויבער, גזלן, שינדער און נאך פארשיעדענע נעמען, און יעצט זעהט, טייערע ארבייטער, ווער פארכאפט געלד, איך צו איהר? מיט מיין געלד איז ער אין דר'ערד אוועק, גו, וואס וועט איהר יעצט זאגען?

דער משערמאן האט גלייך בארוהיגט מיסטער שטיינהארץ:

— ערגערט אייך ניט! איהר וועט נאך חלילה פארלירען אין וואג, און אויב ער איז אנטלאפען מיט אייער געלד, טוט אויך דאס זעלבע, און פרייטאג, ווען איהר דארפט אונז געבען „פעי" פאר־כאפט דאס פונקט ווי ער, און געהט אויך מיט דעם אין דר'ערד אריין... וועט איהר מיט אונז זיין קוויט!...

דעם אמת געזאָגט.

(א מאָנאָלאָג)

דעם אמת זאגענדיג, בין איך שוין 18 יאהר אין אמעריקא, 10 יאהר פארהייראט, ארבייט שוין 14 יאהר אין איין שאפ, און האב אנגעקליבען ביים באס א פארמעגען פון 12 הונדערט „דאָ־לארעם"...

דעם אמת געזאגט זיינען מיר די דאלארעם טייערער פון מיין ווייב און קינדער, ווארים א ווייב מיט א האלבען דאזען קינדער

האב איך מיר אפגעשפארט אין איינע צעהן יאהר און פאר די 12 הונדערט „דאלארטשיקעס" האב איך טאקע געארבייט 18 יאהר, און דערצו נאר ווי אן אייזעל.

און דעם אמת געזאגט, אזוי ווי איך האב געארבעט אויף מיי־נע דאלארעס ווי אן אייזעל, אזוי האב איך זיי שיער פארלארען ווי אן אייזעל. און אנטקעגען דעם זאג איך דאס ייאס אין אמע־ריטשקע האלט זיך אלעס אין וויגען, אט היינט ביזטו א מיליאנער, מארגען א קבצן, און איבערמארגען א בר מנן...

אט דארף גאט העלפען אז מיין באס, ביי וועמען איך האב געארבייט 14 יאהר, זאל ווערען א „בילדער" און אויסבויען דריי הייזער, און מיך אריינגעהמען פאר א פארטנער אין דערמיט, דאס הייסט די מיטעלסטע הויז האט ער פארקויפט צו מיר, און אזוי מיך געמאכט פאר א לענדלארד, דעם אמת געזאגט בין אין טאקע קיין לענדלארד ניט געווען, ווארים א לענדלארד איז דאך נאר דער וואס האט טענאנטס, און איך האב זיי נעבאך געזוכט און ניט געהאט.

פאר וואס? — פרעגט איהר.

אט וועל איך אייך דערציילען, ווי איהר ווייסט איז א באס זעהר א „קלוגער" מענש און אז מיין באס האט דערשמעקט אז סעמקע האט שוין 12 הונדערט „קארבאטשעס", וואס מיינט איהר האט ער געטאן? אוועקגעגאנגען און גענומען בויען הייזער אויף מיין רעכנונג. דעם אמת געזאגט, וואלט ער געווען א גרויסער נאר ווען ער זאל דאס ניט געווען טאן, ווארים ווען ער וואלט זיין געלד סייפען ביי מיר, וואלט איך דען בעסער געווען?

אלזא, אז מיין באס האט אויסגעבויט די הייזער, האט ער פאר מיר ניט געהאט קיין געלד, און איך האב ניט געהאט קיין ברירה און געמוזט ווערען א ל ע נ ד ל א ר ד ...

נאר אזוי דעם אמת געזאגט, איז מיין באס ניט קיין נארישער מענש, און פארשטעהט זיך אז ער האט מיר אריינגערוקט די פינ־סטערע הויז וועלכע איז געווען אין דערמיט, מיט גרויסע פענסטער נאר אהן ליכט.

איז אוועק א מאנאט, צוויי, דריי, און קיינער האט ניט אריינ־

געמופט אין די רומס, האט איך ארויסגעהאנגען א סיין, א צווייטע, א דריטע, און דער עולם האט אנגעפאנגען צו קומען אנקוקען די רומס. נאר אלע וואס פלעגען א קוק טאן האבען שטיל א מורמעל געטאן, — אזעלכע סטייבעלס זיינען גוט פאר פערד ניט פאר קיין מענשען.

דעם אמת געזאגט, זיינען זיי טאקע געווען גערעכט, נאר איך בין ניט געווען שולדיג, נאר פארקעהרט גערעדט בין איך טאקע יא געווען שולדיג. ווארים ווי זאגט מען עפעס ביי א שכור באהאלט מען קיין שנאפס ניט, און אהן א בעזימעל געהט מען ניט אין באד אריין. ערשטענס האב איך ניט געדארפט שפארען מיין געלד ביי מיין באס, און צווייטענס, אהן שכל געהט מען ניט ווערען קיין לענדלארד.

נאר דעם אמת געזאגט, האט איך שוין יא שכל געהאט, און הערט וואס איך האב געטאן. אזוי ווי יעדער וואס איז געקומען אנקוקען די רומס, האט מיר געזאגט אז דאס פאסט זיך פאר א סטייבעל, האב איך שוין לענגער ניט געוואלט ווארטען און ארויס־געהאנגען א גרויסע סיין, אז דער פלאץ ווערט געפיקסט פאר א סטייבעל... און כדי די סיין זאל ציהען אויפמערקזאמקייט, האב איך געלאזט אויסגעמאלען אויף איהר א גרויסען „קאפ“ פון א פערד.

דעם אמת געזאגט, האט מיך מיין ווייבעל אנגעקוקט ווי משוגע ביז זי האט דערזעהן אז איך בין קלאר.

אויף מארגען אין דער פריה איז מיין באס געקומען צולוי־פען מיט א געוויין צו מיר אין הויז, „סעמקעלע ברודער, דו מאכסט מיך אומגליקליך! ווי געהסטו דאס מאכען א סטייבעל צווישען מיינע רומס, די טענענטס מיינע וועלען דאך זיך צומופען וואו די אויגען וועלען זיי טראגען“.

דעם אמת געזאגט, בין איך געשטאנען און געלאכט, — איז שוין מיין באס געווארען בייז אויף מיר — איהר וועט דאך מיך רואינירען...

— רואינירען צו קראפירען, אבער איך קען זיך מיר ניט העל־

פען! האָב איך מיר אַרויסגעזאָגט מיט שטאָלץ, ווינקענדיג צו מיין ווייבעל.

— און וואָס הייסט? דעם אמת געזאָגט, איהר האָט מיר גע־מעגט וועלען רואינירען, און איך אייך טאַר ניט?

נאָר צו וואָס אייך לאַנג פאַרציהען, מיין באָס האָט גלייך אָפּגעקויפט צוריק די הויז, באַצאָהלט מיר אין קעש, מיט אַ הונ־דערט און פופציג דאָלאַר פּראָפיט.

אַז איך מיט מיין ווייב האָבען עטליכע מאָהל דורכגעצעהלט די געלד, האָב איך דעם אמת געזאָגט, געטראַכט, אַז מיין באָס איז גאָר ניט אַזאַ גרויסער חכם ווי איך האָב געדענקט, ווייל ער האָט דאָך מיר געגעבען אַ הונדערט מיט פופציג דאָלאַרעס אומזיסט און אומנישט.

און איך, ווידער, דעם אמת געזאָגט, בין גאָר ניט קיין קליי־נער נאַר וואָס איך האָב דאָס גענומען, ווייל ער וואָלט, דעם אמת געזאָגט, מיר געגעבען פיעל מעהר...

אַ, די טריין.

דערציילט מיר אַן אַרבייטער, — יאָהרען לאַנג האָבען מיר גע־לעבט ווי אויף אַן אינזעל, צו אַ קאַר אָדער אַ טריין האָבען מיר געמוזט געהן גאַסען ווייט, אָיידער מיר האָבען געקענט קריגען עפּעס ווי צו פאָהרען צו דער אַרבייט אין שטאָדט אַריין.

און דערפאַר טאַקע האָבען זיך די ווייבער אַלע מאָהל באַ־קלאָגט, אַז ווי שפּעט זיי זאָלען ניט קאָכען דעם סאַפּער איז ביז וואַנען מיר קומען ווערט שוין קאַלט.

און דער איינציגער וואונש מיינער אין לעבען איז געווען צו האָבען לעבען אונז אַ קאַר, אָדער אַ טריין צו קענען קומען וואָס גיכער פאַר סאַפּער.

און גאָט האָט געהאָלפען, אין אַ שעהנעם טאָג האָט מען אָנגע־הויבען פיהרען אייזען, האָלץ, גראָבען די ערד, און אַ טריין איז באַ־שאַפען געוואָרען, טאַקע לעבען מיין הויז.

נאר איצט, איז ערשט מיין חורבן געווארען גרעסער, טאקע א היים קום איך פריה, אבער איצט האב איך ניט מעהר קיין סאך־פער, און אט פאר וואס:

פריהער פלעגען זיך די ווייבער אפרעדען ביז דריי א זייגער און דערנאך ארויפגעהן אין הויז מאכען סאפער. אבער איצט, זינט די טריין האט אנגעפאנגען פאהרען, איז אן אומגליק, א פרוי פאנגט אן צו דערצעהלען איהר געשיכטע, און אין מיטען גיט א פאהר אן די טריין — „טר טר טר טש טש טש ר ר ר ש ש ש", די פרוי בלייבט שטעהן און ווארט דער טומעל זאל אריבער, אבער דא האט זי פארגעסען וואו זי האלט און פאנגט אן צוריק פון אנפאנג, און אט האלט זי שוין ביים ענדיגען איהר געשיכטע, און ווידער דערהערט זיך דא אנקומען פון א טריין — „שר שר טש טר טר טש טש טר ר ר".

די אונטערשטע שורה — האט פארענדיגט דער ארבייטער — וואו קאן מען קריגען רומס אוועקצומופען פון טריין, ווען ניט קומט מיר אוים צו שטארבען פון הונגער...

כאפעניש ען.

כאפ איך מיר אויף אין דער פריה, כאפ אויף זיך ארויף די שיך און כאפ אריין די באטעל מילך.

כאפ איך עפעס איבער פאר ברעקפעסט, כאפ ארויף מיין ראק און העט און כאפ זיך ארוים פון הויז. גיב מיר א כאפ א צייטונג און כאפ א קוק איבער די קעפלאך און לאז זיך אוועק כאפען א קאר.

כאפ איך זיך ארויף אויף דער קאר און פארכאפ א סיט, און כאפ מיר אביסעל אפ דעם אטהעם.

פאהרענדיג כאפ איך א דרעמעל, ביז איך כאפ זיך אריבער דעם בריק.

ארויסכאפענדיג זיך פון קאר, כאפ איך זיך אריין אין גרא־

סערי, כאפען עפעס א ביים. כאפ איך מיר א ראל מיט א שטיקעל הערינג און גיב דעם גראסערי מאן ער זאל עס איינפאקען.

כאפט זיך אויף מיר ארויף א רויטע ווייבעל און איך כאפ פון איהר א שווארצען סוף, פארוואס איך פארכאפ איהר נעקסט אין דער גראסערי.

כאפ איך זיך ארויס פון גראסערי, און כאפ א וואק צום שאפ, און כאפענדיג א קוק אויפ'ן זייגער, זעה איך אז איך וועל שוין ארייכאפען פון פארמאן א סוף, ווייל דער זייגער כאפט שוין ארום אכט.

כאפ איך זיך שנעל אריין אין עלעווייטאר פון שאפ און וויל וואס גיכער זיך ארייכאפען אין שאפ אריין. אבער פאהרענדיג כאפ איך זיך, אז פון מיין כאפעניש האט זיך ארויסגעכאפט מיין ברעקפעסט פון פאקעט, און ארונטערכאפענדיג זיך צוריק אונ־טען האב איך געכאפט אנשטאט מיין פעקעל אן אנדער פעקעל, און מיין ראל מיט דעם הערינג איז פארכאפט געווארען אין גרא־סערי.

איבערגעכאפט ווי עס איז דעם טאג, כאפ איך ארויף מיין קאלנער, און ווי א ווינד כאפ איך זיך ארויס פון שאפ, כדי צו כאפען וואס גיכער א טריין וואס פליהט קיין בראנזוויל.

און ארייכאפענדיג א פאר בוכטשעס, כאפ איך זיך ווי עס איז אריין אין טריין, ניט קענענדיג אפכאפען דעם אטהעם.

און אז איך כאפ זיך שוין אריין אין הויז, כאפ איך ערשט א סוף פון מיין ווייבעל, פאר וואס כאפענדיג אין דער פריה האב איך ארויפגעכאפט אויף די פיס איהרע זאקען אנשטאט מיינע...

אט אזוי ווערט פארכאפט א טאג אין כאפעניש, אז פארכאפט זאל דאס ווערען!

פארמאכט דאס מויל.

מיסטער גאלדמאן איז געווען א שניידער באס. און אזוי ווי קיין יוניאן איז נאך ניט געווען, האט ער געהאט דעם בעסטען פארגע־

ניגען ווען ער פלעגט זאגען צו אן ארבייטער: ליג אין דר'ערד, ברעך א פוס, כאפט דיר א קלאג!

אזוי ווי קיינער איז ניט געווען ווער עס זאל זיך אננעהמען פאר דעם ארבייטער, פלעגט מיסטער גאלדמאן שילטען טאג און נאכט מיט „אווער־טיים".

איז אבער געקומען א צייט ווען די פארשאלטענע שקלאפען האבען ערוואכט און זיך ארגאניזירט אין א יוניאן, און מר. גאלד־מאן האט אויך געמוזט סעטלען מיט זיינע ארבייטער.

אבער שילטען האט מר. גאלדמאן ניט געקאנט פארגעסען, נאר פארקעהרט, אנשטאט שילטען די ארבייטער, פלעגט ער נאך צורעכענען די יוניאן אויך און אנקוועלען דערפון, ווען ער פלעגט ארויסזאגען: „ברעך א פוס מיט דער יוניאן".

און איינמאהל האבען די ארבייטער באשלאסען אז זיי ווי־לען מעהר ניט הערען קיין קללות פון באס.

גאלדמאן איז איינגעלאדען געווארען צו דער „גריוועגס קא־מיטע" פון דער יוניאן, און איז באשטראפט געווארען מיט 50 דא־לאר.

ווען גאלדמאן האט דערהערט דעם באשלוס פון דער יוניאן, האט ער שנעל ארויסגעכאפט א פופציגער, א ווארף געטאן מיט כעס אויפ'ן טיש, אויסשרייענדיג:

— זאלט איהר שוין דאן עסען ווען איך וועל אייך נאכאמאהל שעלטען....

און טאקע באלד האט איהם די „גריוועגס קאמיטע" נאכאמאל באשטראפט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

יעצט אז מר. גאלדמאן וויל ארויסשיסען א קללה אויף אן אר־בייטער, גיט ער זיך א כאפ מיט איין האנט פאר'ן מויל און מיט דער צווייטער פאר'ן פאקעט....

אַ געבילדעטער באָס.

פאר א יוניאן האט מר. גאלדמאן געציטערט ווי פאר פייער, און דערפאר האט ער אלע מאהל אויסגעהיט, אז קיינער זאל ניט ארגאניזירען זיין שאפ.

איין פריה מארגען, ווען מר. גאלדמאן איז צוגעקומען צו זיין שאפ, איז ע ר פארציטערט געווארען, זעהענדיג ווי א יונגערמאן שטעהט און טיילט „ליפלעטס" צו זיינע ארבייטער.

מר. גאלדמאן האט לאנג ניט געווארט, צוגערופען א פאליס־מאן און ארעסטירט דעם יונגענמאן.

אן אויפגערעגטער איז גאלדמאן געקומען אין קאורט זיך אפ־צורעכענען מיט דעם שרעקליכען „באלשעוויק", וואס וויל אויפקלע־רען זיינע ארבייטער.

דער ריכטער האט אויפגענומען די „קייס", און א פרעג געטאן מר. גאלדמאנ'ען, אויב ער האט עפעס באווייזע.

געווים! — האט גאדמאן באלד פארזיכערט און ארויסגע־שלעפט די „ליפלעטס" פון זיין פאקעט.

דער ריכטער האט א נעהם געטאן דעם „ליפלעט" אין האנט און זיך שטארק צולאכט אויפ'ן קול, ווען ער האט איבערגעלעזען, אז דאס איז גאר אן אדווערטייזמענט פון א דעליקאטעסען סטאר...

געבראכט אויפ'ן אַדרעס.

אויף דער „קלאוקמאכער בערזע" אין פינפטע עוועניו, האט ארומגעשפאצירט דזשייק דער אפערייטאר, שטארק פארזארגט וואס ער ארבייט שוין ניט פאר די לעצטע צוויי מאנאטען.

א שלעפ פאר'ן ארבעל האט דזשייק'ן ארויסגעצויגען פון זיין אומעט און ער האט דערהערט פאר זיך די זיסטע שטיקעל מוזיק אין דער וועלט:

— מיסטער, איהר נעהט מאכען א דזשאב?—

דזשייק האט דא א נעם געטאן דעם מאן אונטער'ן ארעם און

איז מיט פרייד געלאָפען מיט איהם אין שאפּ אריין. זיין פאנטאַ־זיע האָט איהם פאָרגעשטעלט א שאפּ פול מיט באַנדלאַך און ער האָט דעריבער ארויסגעשפּאַנט די פינף פלאָר, ווי ער וואָלט געפלוי־גען מיט א לופט־שיף.

באַלד איז שוין דזשייק געזעסען ביים מאשין און געאַרבייט אויף א סעמפּעל.

ווען ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט דעם סעמפּעל, האָט דער באָס דאָס באַטראַכט, א שאָקעל געטאָן מיט'ן גוידער, און דזשייק האָט באַלד פאַרשטאַנען: גענומען דעם פּעקעל און צוריק אוועק־מאַרשירט אין „זיין" פינפטער וועגיו.

ווען ער איז געקומען צו זיך פון דעם פאַרלוסט פון דעם דזשאָב האָט ער זיך דערמאַנט, אז פון גרויס אויפרעגונג האָט ער גאָר פאַר־געסען פרעגען ווען ער זאָל קומען נאָך די פאַר סענט פיידע פאַר די דריי שטונדען, און ער האָט זאָגאָר פאַרגעסען א קוק צוטאָן דעם נומער און אדרעס פון שאפּ.

און ווען דזשייק איז זיך געשטאַנען און געטראַכט וועגען זיין מזל, האָט איהם ווידער א נעם געטאָן א שווערע האַנט:

— א קלאָוקמאַכער? — האָט איהם דער מאַן א פרעג געטאָן — וועט איהר געהן מאַכען א דזשאָב?

— א שעהנע פראַגע? — האָט זיך דזשייק צעלאַכט, איך שטעה דאָ צוליעב דער לופט, מיינט איהר?

דזשייק האָט זיך אוועקגעלאָזט מיט דעם מאַן אין שאפּ אריין.

ווען דזשייק האָט א עפען געטאָן די טיר פון שאפּ, איז ער געבליבען ווי פאַראַליזירט. ער האָט דערזעהן פאַר זיך דעמזעלביגען באָס, וואָס האָט ווידער געשיקט א צווייטען ארבייטער פון שאפּ צו ברענגען איהם קלאָוקמאַכער פון גאַס.

— וואָס טוט איהר ווידער דאָ? איז דער באָס צוגעשפּרונגען מיט כעס, — אייער ארבייט טויג ניט פאַר מיר.

דזשייק האָט זיך געמאַכט תּמ'עוואַטע און שטיל א פרעג גע־טאָן: — איך וויל וויסען, ווען קריג איך פיידע?...

איינער פון „יענע“ טוער.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט מיסטער ב. אַז דער שאָפּ איז זיין מלאך המות, און וואָס גיכער ער וועט זיך באַפרייען פון שאָפּ, אַלץ לענגער וועט ער לעבען.

דערצו האָט מיסטער ב. פון אַלע מאָל געהאַסט דעם שאָפּ, און מעהר פון אַלעם דעם פאָרמאַן, וואָס האָט איהם אַרויסגעזויגט די נשמה.

צו וואָס זיך נעמען האָט ער ניט געהאַט, האָט מיסטער ב. באַשלאָסען צו ווערען אַ וואָקינג־דעלעגאַט, און ער איז עס געוואָרען.

אַזוי ווי קיין באָס און קיין פאָרמאַן איז ניט געווען, האָט זיך מיסטער ב. געמאַכט פון זיין אַמט אַ אויסגעצייכענטע פאָרם, ווי ער אַליין פלעגט זאָגען, „בהמות צו מעלקען איז דאָ גענוג“...

און ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט נאָך פאַרבראַכט אויף דעם „פאָרם“, ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט מיט איהם דער פאָלגענדער שפּאַס.

אַזוי ווי ער איז געווען פויל ווי אַ קאַץ, איז געווען נאַטירליך, אַז ווען אַן אַרבייטער האָט איהם געבראַכט אַ קאָמפּליין, זאָל ער איהם אַטענדען אין דריי מאָנאַטען שפּעטער.

און אַזוי איז אויך געווען מיט דזשייקלען, דעם אָפּערייטאָר, וועמען דער באָס האָט אָוועקגעשיקט פון דזשאָב.

דזשייק האָט גלייך געבראַכט זיין קאָמפּליין צו מיסטער ב., דעם וואָקינג דעלעגאַט, וועלכער האָט איהם, ווי אַלע מאָל, צוגעזאָגט צו אַטענדען. איז אַוועק דריי מאָנאַטען ווי דזשייק האָט געוועקט דעם וואָקינג דעלעגאַט צו באַזאָרגען זיין קאָמפּליין, ביז מיסטער ב. האָט ענדליך באַשלאָסען צו באַזוכען דעם שאָפּ און נעמען אַ שטעלונג געגען באָס.

איז מיסטער ב. אַרויף אויף דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס צום באָס אין אָפיס און גענומען איהם דערצעהלען אַ מעשה.

דער באָס האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען, און מיט אַ רציחה פון אַ גזלן זיך צעשריהען: „מיסטער, איך קען אייך ניט און וויל אייך ניט קענען!“

דא איז שוין מיסטער ב. געווארן אן אנגעצונדענער, וואס הייסט עפעס ווערען אזוי באליידיגט פון א באס?...און מיט כעס איז ער אריינגעלאפען אין שאפ אפצוסטאפען די ארבייט און איינמאל גע־בען א לעסאן, אז א באס זאל ניט זיין קיין חזיר און יא אנערקענען דעם וואקינג דעלעגאט.

ווען מיסטער ב. איז אבער אריין אין שאפ, איז ער געבליבען שטעהן ווי א פאראלאזירטער פון גרויס איבעראשונג. אנשטאט די געוועזענע פענטס שאפ איז שוין דא געווארן גאר א שאפ פון ליידים וויסטס, און ער איז נעבאך אומזיסט באפאלען דעם באס.

ווען די ארבייטער האבען זיך דערוואוסט פון דעם שפאס און האבען אנגעפאנגען צו פארלאנגען אז ער זאל באזארגען די קאמפ־ליינס איידער די בעלי בתים מופען ארויס און אנדערע מופען אריין, האט מיסטער ב. רעזיגנירט.

צופיל ארבייט פאר אזא שוואכען מענשען ווי ער.

דערוויל...

דאס איז געווען אין צייט פון א גרויסען סטרייק. אלע אין דער יוניאן זיינען געווען ביזי. ווער מיט ארגאניזירען, ווער מיט רע־דען, און ווער מיט סעטלען.

איין פריהמארגען, ווען דער דזשענעראל מענעדזשער איז געלאפען וועגען א וויכטיגער פראגע צו דעם יוניאן לאיער, האט איהם א אידעל א כאפ געטאן פאר א פאלע און ניט געלאזט ווייטער א טרים.

—וואס ווילט איהר? — האט איהם דער מענדזשער אין איי־לעניש געפרעגט:

— איך האב פאר אייך געוואוט, — האט דער אידעל אנגע־פאנגען — פאר א יאהרען און פאר צוויי יאהרען, און אלע מאהל דענק איך נאר אז איהר זענט דער בעסטער מענש וואס מיר הא־בען אין דער יוניאן.

— אבער וואס ווילט איהר ? — האט איהם אונגעדולדיג א פרעג געטאן דער מענעדזשער.

— איך וויל אייך זאגען, — האט דאס אידעל ווייטער פארט־געזעצט, — ווען איהר רעדט צוגעהט מיר דאס הארץ פאר פאר־געניגען, פאר יעדען ווארט דארף מען אייך קושען.

—גאנץ גוט, — האט דער מענעדזשער א שמייכעל געטאן.

— א שעהנעם דאנק אייך פאר א קאמפלימענט. און האט זיך געוואלט לאזען געהן צו דעם לאיער.

דער אידעל האט איהם ווידער א כאפ געטאן.

— מיסטער, וואס ווילט איהר ? — איז שוין דער מענעד־זשער בייז געווארען, — לאזט מיך געהן, איך דארף דאך אטענדען מיין ארבייט.

— איך וויל א טובה פון אייך, — האט איהם שוין דער אידעל אויף שנעל א זאג געטאן, — איהר זעהט, געקומען מיינס א ברודער, א שניידער ביים טרייד, וויל איך איהר זאלט איהם געבען א יוניאן ביכעל.

— וואס טויג איהם איצט א יוניאן ביכעל ? — האט שוין דער מענעדזשער אויסגעשריען מיט כעס, — איהר ווייסט דאך איצט איז א סטרייק, קיינער ארבייט ניט, וואו קען ער דען איצט קריגען א דזשאב ?

— ס'מאכט ניט, — האט זיך דער אידעל געבעטען — וועט ער דערוויל קריגען בענעפיט...

צוויי פריינד.

חיים און משה זיינען צוזאמען געקומען אין אמעריקע. האבען אלעמאל צוזאמען פארבראכט.ביידע גלייך האבען זיי זיך אנגע־שלאסען אין „ארבייטער רינג". וואהין זיי פלעגען ביידע קומען אמאל פארברענגען אז אוועגט.

זיצענדיג איינמאל ביי א מיטינג, האבען זיך ביידע צערעדט וועגען תכלית.

— וואס וועט זיין ? — האט זיך חיים צע'טענה'ט, — מיר

זיינען שוין 5 יאָהר אין אַמעריקע, אָפּגעסייפט אַ 4 הונדערט דאָלאַר און שקלאַפען נאָך אַלץ אין שאָפּ. ווייסט וואָס איך וואָלט דיר פאַר־געשלאָגען? — האָט ער משה'ן אַריינגערוימט אין אויער — עס וואָלט זיין אַ פּלאַן, מיר זאָלען ביידע עפענען אַ שאָפּקע און אַנ־שטאָט מיר זאָלען אַרבייטען פאַר יענעם, זאָלען אַנדערע אַרבייטען פאַר אונז.

וואָס? איז משה אויפגעשפּרונגען — אַ באָס ווערען און טרייבען שקלאַפען? ניין! דאָס ניט!... זעהסטו, — האָט משה איהם אַ נעהם געטאָן פאַר'ן האַנט — איך האָב יאָ אַ גוטען פּלאַן. אויב דו ווילסט מאַכען געלט, לאָמיר קויפען צוזאַמען אַ „הייזקע“ אין בראָנזוויל, אָפּשפּאָרען אַ פּאָר דאָלאַר און קויפען דאַן אַ צווייטע, און אַזוי מיט דער צייט וועלען מיר פּטור ווערען פון שאָפּ.

— וואָס? — האָט חיים אויפגעציטערט — אַ לענדלאָרד ווערען? קלאַפּען ביי אָרימע אַרבייטער אין די טיהרען נאָך רענט, און דערנאָך זיי אַרויסשטעלען אין גאַס? ניין, ברודערל, איך ווער שוין בעסער אַ באָס.

און איך וועל מיינע פּאָר דאָלאַר אַריינלעגען אין אַ הויז — האָט משה זיך געהאַלטען ביי זיינס — אַ לענדלאָרד איז פאָרט ניט קיין באָס.

ביידע זיינען געבליבען ענטשלאָסען דורכצופיהרען זייערע פּלענער, פאַר אַ לאַנגער צייט האָבען זיי זיך ניט געטראָפען, זיי־ענדיג ביזי מיט זייערע אונטערנעהמונגען.

איין פריהמאָרגען האָבען זיך ביידע געטראָפען אין אַ באַנק. צעפרידענע זיך געדריקט די הענט און צערעדט זיך וועגען ביז־נעס.

— ווי געהט עס דיר עפּעס? — האָט משה דער לענדלאָרד אַ פרעג געטאָן חיים דעם באָס.

— ניט צו פאַרזינדיגען, — האָט חיים גוטמוטיג געשמיי־כעלט — מען מאַכט אַ לעבען. נאָר לעצטענס האָב איך אַביסעל טראָבעל מיט רומס, מ'קען ניט קריגען קיין רומס, כאָטש נעם און ווער אַ לענדלאָרד... נאָר דו ווייסט דאָך, ווי איך גלייך די לענד־לאָרד ביזנעס? — האָט זיך חיים צעלאַכט.

— ווייסטו גאר וואס? — האט משה א צעפרידענער זיך געריבען די הענט — איך האב פאר דיר רומס און טאקע גוטע אויך. נאר מיט איין באדינג, אז דו זאלסט מיר געבען א פלאץ ביי דיר אין שאפ צו ארבייטען, ווארום איך געה שוין ארום א צוויי מאנאטען צייט אהן א פלאץ. כאטש נעהם און ווער א באס... און דו ווייסט דאך, ווי איך גלייך צו זיין א שקלאפען טרייבער.

חיים האט זי צעלאכט און פריינדליך א קלאפ געטאן משה'ן אין פלייצע — אפגעמאכט!

מיט א טאג שפעטער האט חיים דער באס אריינגעמופט אין בראנזוויל צו משה'ן דעם לענדלארד, און — משה האט אריינגע־מופט אין בראדוויי, צו חיים דעם באס אין שאפ.

ביידע זיינען געווען צופרידען פון זייער אויסבייט און זעהר אפט פריינדליך פארבראכט.

איין פריהמארגען רופט אריין חיים דער באס זיין פריינד משה'ן אין אפיס און פארטרויט איהם א סוד — פון נעקסטער וואך, ברודער'ל, מוז איך רעדוצירען צו פינף דאלאר פון די ווייזשעס מיינע ארבייטער, און אזוי ווי דו ביזט עפעס מיין אלטער פריינד, בעט איך דיך ניט צו מאכען קיין טומעל, ווען די אנדערע חברה אויך מוזען שווייגען.

משה האט זיך אפילו א קרים געטאן. ער האט אבער געשווי־גען.

זונטאג, ווען משה דער לענדלארד איז געקומען צו קריגען רענט ביי זיין פריינד חיים'ן, האט ער איהם שטיל איינגערוימט א סוד — דיינע רומס, פריינד, קאסטען פון נעקסטען מאנאט אן, מיט 20 דאלאר מעהר.

— וואס? — האט חיים א שפרונג געטאן — דאס וועט ניט געהן.

— וועט מען פיהרען! — האט משה שטארק באטאנט.

מאנטאג אין דער פריה האט משה ארגאניזירט די שקלאפען געגען לומפישען באס, וואס וויל רייסען 5 דאלאר, און אריינגע־פיהרט די ארבייטער פון חיים'ס שאפ אין דער יוניאן, און חיים'ס פארניטשור אין נאס ארויס...

מאנטאג נאכט האט חיים צוזאמענגעפיהרט די טענענטס פון משה'ס הויז. ארגאניזירט זיי געגען דעם לומפישען לענדלארד, וואס וויל ארויפרייזען גאנצע 20 דאלאר א מאנאט, און ער אליין האט טאקע אנגענומען דעם שווערען אמט פאר דעם הויז טשערמאן.

דינסטאג אין דער פריה האט משה מארשירט אין דער פיקעט ליין אין בראדוויי, לעבען שאפ, און חיים האט מארשירט אויף דער פיקעט־ליין לעבען הויז.

משה האט גערופען צום קאמפף געגען די בלוט זויגערס די באסעס, וואס רייסען פון די פארדינסטען.

חיים האט גערופען צום קאמף געגען די בלוט זויגערס די לענדלארדס, וואס האלטען אין איין העכערען די רענט.

אין אווענט, ווען משה איז צוגעקומען צו זיין הויז, און גע־טראפען זיין פריינד חיים געהענדיג מיט א סיין אויף זיך „משה'ס הויז אין סטרייק", האט ער אויפגעציטערט און פעסט ביי זיך בא־שלאסען צו געבען א לעסאן זיין הויז טשערמאן.

אין פריה מארגען, ווען חיים איז צוגעקומען צו זיין שאפ און געטראפען זיין אלטען פריינד משה'ן מיט א גרויסער סיין אויף זיך, „חיים'ס שאפ איז אין סטרייק", האט דאס איהם ווי א דונער געטראפען און א געדאנק איז איהם דורכגעלאפען, זיך אפצורעכע־נען מיט אזא באנדיט, וואס האט די חוצפה צו זיין שאפ־טשערמאן.

פרייטאג נאכט, זיינען צום ברענטש מיטינג פון ארבייטער רינג, אנגעקומען מענשען קעפ אויף קעפ.

אין איין ווינקעל איז געשטאנען משה, דער שאפ טשערמאן, מיט די ארבייטער פון חיים'ס שאפ.

אין א צווייטען ווינקעל איז געשטאנען חיים, דער הויז־טשער־מאן, מיט די טענענטס פון משה'ס הויז.

משה האט געשריהען: דער באס דער בלוטזויגער, וויל אונז שניידען די ווידזשעס.

חיים האט געשריהען: דער לענדלארד, דער מענשענפרעסער, וויל אונז רייזען די רענט.

די מיטגלידער פון ארבייטער רינג, האבען איינגעזעהן, אז

ביידע זיינען גערעכט, וואס זיי זאגען איינע אויף די אנדערע...
און — ביידע זיינען געווארען אויסגעשלאסען.

מיט אראפגעלאזענע נעזער און מיט א באשלוס פאר נקמה, זיינען ביידע „פריינד" ארונטער פון מיטינג.

אויף דער צווייטער וואך, ווען משה און חיים האבען געפיהרט זייערע ארמייען אין קאמף, האט פלוצים משה דערפיהלט אז אייזען איבער'ן קאפ און באלד האט געקלונגען דער גלעקעל פון אן אמבולאנס פליהענדיג איבער בראדוויי, פיהרענדיג משה'ן אין שפיטאל.

מיט א פאר שטונדען שפעטער האט חיים דערפיהלט א זעץ איבער די פיס. און איין אמבולאנס גלעקעל האט פארקלונגען בראנזוויל, פיהרענדיק חיים'ען אין א שפיטאל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אווענט איז געלעגען חיים אויף א בעטעל אין א שפיטאל מיט פארבאנדאזשירטע וואונדען און געמורמעלט צו זיך: פארברענט זאלען ווערען אלע לענדלארדס.

אין א צווייטען שפיטאל איז געלעגען משה און געקרעכצט: פארברענט זאלען ווערען אלע באסעס.

פּעפּער-לאַך

„נאַשטיכי"

אַרבייט איז דער וואָרצעל פון קאַפּיטאַל או עס איז אַ כלל, אַז גראָבע בוימער וואַקסען פון דינע וואָרצלען.

* * *

אַ באַס איז אַזוי ווי אַ דאָרן — ער ברענגט ניט קיין פּרוכט און צעשטעכט אָפּט די הענט פון די וואָס קומען מיט איהם אין באַרירונג.

* * *

די באַסעס באַנדע איז איינער פאַר'ן צווייטען פיעל געמיינער. נעהמט איינער צו די בלוט, נעהמט דער צווייטער צו די ביינער.

* * *

מעג אַ באַס עסען דאָס בעסטע, וועט דאָס איהם ניט פאַר־שאַפען אַזוי פיעל פאַרגעניגען, ווי „גרידשען" דעם אַרבייטער.

* * *

דעם באַס' בויך, איז דער קאַסע קאַסטען פון דעם אַרבייטער'ס שוויים און בלוט.

* * *

דער אַרבייטער געהט אין שאַפּ, ווי אַ מויז אין אַ פּאַסטקע. געהט זוכען ברויט און געפינט דעם טויט.

* * *

מאַנכע באַסעס זיינען ווי וואָלקענס, טרינקען זיך אָן און פאַר־פינסטערן דאָס לעבען.

* * *

אַ באַס איז ווי דער הערבסט, ער טויטעט אָפּ יעדע זאַך וואָס בליהט...

קאפיטאל איז דאס קינד פון ארבייט, און עס איז א כלל, אז רייכע קינדער ווילען ניט וויסען פון ארימע עלטערען.

* * *

ארבייט מאכט זים דאס לעבען, און דערפאר האט יעדערער ליעב אבצולעקען א ביינדעל פון'ם ארבייטער.

* * *

אי קאפיטאל אי ארבייט האבען ביכלאך, נאר דער ערשטער האט א באנק ביכעל, און דער לעצטער א יוניאן ביכעל.

* * *

לאנגע שטונדען — איז קורצע יאהרען.

* * *

ארבייטער פארמאגען גאלדענע פינגער, באסעס — גאלדענע רינגען.

* * *

דער ניגער איז געווען א שקלאף, ווייל ער איז שווארץ, דער ארבייטער איז פארשווארצט, ווייל ער איז א שקלאף.

* * *

דער גייסט פון באס איז ווי די כוואליעס לעבען ברעג ים: רק זיי לעבצען אלעס איינצושלינגען.

* * *

עס איז ניט אמת אז באסעס זויגען אוים די גאנצע בלוט פון די ארבייטער, מיר זעהען גאנץ אפט ווי די ארבייטער שפייען מיט בלוט.

* * *

דעם ארבייטער גיט מען לאנגע שטונדען צום שקלאפען, און קורצע יאהרען צום לעבען.

* * *

די ערד האבען פארכאפט די רייכע, די פאלאצען בויט אוים דער ארבייטער. דאך ליגט דער רייכער אין פאלאץ, און דער אר־בייטער ליגט אין דער ערד.

* * *

ביזי, סלעק, סלאו, סעק — די אייביגע ארבייטער ליעד.

* * *

ווען דער ארבייטער וואלט געשטרעבט צו זיינע ציעלען, וואלט ער ניט געוועזן אזוי איבערפילט מיט באצילען.

* * *

אפילו דער ארבייטער וואס וואוינט אויפ'ן טאפ פלאר ליגט אויך טיף אין דער ערד.

* * *

ווען די מאשין ווערט צעבראכען, פיקסט איהר דער באס — דעם צעבראכענעם ארבייטער בייט ער אוים אויף א נייעם.

* * *

מאנכע באסעס זיינען דימענטענע מענשען, נאר אנשטאט צו שניידען גלאז, שניידען זיי די הויט פון דעם ארבייטער.

* * *

דער באס פארמאגט א „סווית האום", דער ארבייטער א „סוועט האום".

* * *

די פרוי פון באס דארף ניט זאלצען קיין פלייש, איהר מאן איז א גוטער בלוטזויגער.

* * *

א באס דינגט די הענט, און נעהמט די נשמה, און פארקרי־פעלט דעם קערפער.

* * *

„צייט איז געלט", און דערפאר צאהלען אונז די באסעס מיט שטונדען אנשטאט ווידזשעס.

* * *

מאנכע פארלייטע זיינען ווי געטרייע הינט, היטען דעם הויף און שלאפען אין א בודקע.

* * *

איך פארשטעה ניט ווארום קעמפפט אזוי דער ארבייטער גע־גען קאפיטאל? דאס איז דאך זיין אייגענע פלייש און בלוט.

* * *

וואס א באס איז גרעבער, קריכט ער אלץ גיכער דעם ארביי־טער אין לעבער.

* * *

די שטארקסטע וואפע געגען „באנק־ביבעל" איז דער „יוניאן ביבעל".

* * *

דער ארבייטער שלאגט זיך מיט זיינע אייגענע הענט... ער שאפט דאס קאפיטאל, וואס באקעמפפט איהם אליין.

* * *

דער אויפשטאנד פון ארבייטער, מאכט פ א ל ע ן קאפיטאל.

* * *

דער רייכער „געהט אוים" פאר פלעזשור, דער ארבייטער געהט אוים פאר הונגער...

* * *

„מאני טאקס". דערפאר רעדען אונזערע ברויט געבען אזוי שעהן... ?

* * *

קאפיטאל איז געליכען צו א בעזים — דאס קעהרט א וועלט און געפינט זיך אימער אין א שמוציגען ווינקעל.

* * *

באסעס פארמאגען גאלדענע פאקעטס, דימענטענע פינגער, שטיינערנע הערצער און קופערנע שטערענס.

* * *

דער באס פאהרט אין קאנטרי —דעם ארבייטער שיקט מען אין קאנטרי.

* * *

די מייסטע באסעס קענען ניט רעכענען און דערפאר לעבען זיי אהן חשבון...

* * *

א באס איז ווי א הונט, — ער וועט אייך לעקען צו קריגען די ברויט, און נאך דעם בייסען צו קריגען אויך פלייש.

* * *

אז אידיאָט אַ בגאַס איז אַ חכם, — ווען דער אַרבייטער איז נאַריש.

* * *

די וועלט זאָגט: „מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרען“. — פאַר באַסעס קענען פרעמדע הענט אויך געלד שאַרען.

* * *

אַ היימישער פּוהרמאַן וואָס האָט געטריבען פערד און וואָגען, ווערט דאָ אַ פאַרמאַן מענשען צו יאָגען.

* * *

דעם אַרבייטערס געמיינער (אָרימער) לעבען, קומט פון דעם באָס געמיינע באַהאַנדלונג.

* * *

מעג אַ באָס זיין ווי איבערפילט מיט געלד, וועט ער דאָך ניט פיהלען אַ צווייטען.

* * *

דער אַרבייטער איז ווי אַ בוים מיט צייטיגע פרוכט, מ'טרייסעלט איהם אַזוי לאַנג, ביז דאָס לעצטע פאַלט פון איהם אַראָפּ.

* * *

דער אַרבייטער האָט זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען, מ'האַלט איהם ווי אַ אוצר פאַרשלאָסען, אַ פאַקט, ווען עס מאַכט זיך אַ פייער קען ער קיינמאָל ניט אַרויס.

* * *

די וועלט זאָגט: „ניט קיין געשלאָגענער איז קיין מענש ניט“ — ווייזט אויס, דער אַרבייטער האָט שוין דערגרייכט די העכסטע מענשליכקייט.

* * *

דעם אַרבייטער'ס קריוודעס, ווערען קיינמאָל פאַרטראַטען אבער גאַנץ אָפט צעטראַטען.

* * *

ווען דער ארבייטער זאל זיין ארבייט ניט טאָן, וואָלט פיעלעס אין דער וועלט געפעהלט. ווען באַסעס זאָלען זייער ארבייט ניט טאָן, וואָלט פיעלעס צוגעקומען אין דער וועלט.

* * *

דער קאפּיטאליסט לעבט גוטע טעג, — אויף דעם חשבון פון ארבייטערס יאָהרען.

* * *

פאראַן באַסעס וואָס האָבען אַ פולע „הענט" און דאָך קיין ברעקעל האַרץ ניט.

* * *

אַ באַס קען זיך באָדען אין בלוט, און דאָך ניט וועלען איינ־טונקען אַ פינגער אין קאַלט וואַסער.

* * *

גרויס איז דעם ארבייטער'ס דיענסט — קליין זיין פאַר־דינסט.

אָי, די ווייבער!

הייראַט איז פאַר אַ מאַן אַ ליעבעס פראַגע, פאַר אַ פרוי — אַ ברויט פראַגע.

* * *

דער אויסערליכער אויסזעהן פון אַ פרוי איז הומאָר, דער אי־נערליכער — סאַטירע.

* * *

דער טייוועל איז ניט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאָלט איהם; די פרוי איז ניט אַזוי ווייס ווי זי מאָלט זיך.

* * *

פרויען קענען טראָגען אַ קינד 9 מאָנאַטען, אָבער אַ סוד — אפילו קיין 9 מינוטען אויך ניט.

* * *

פרויען זיינען ווי רייפע פירות: ביים מינדעסטען טרייסעל פאלען זיי.

* * *

אז אלטע מיליאנערקע וואלט געהייראט א פראסטען פרעסער, ווען זיין פרעס־אייזען וואלט געקענט אויספרעסען די קנייטשען פון איהר פנים.

* * *

א פרויענצימער איז ניט אימער א פרוי־אין ־צימער.

* * *

א פרוי וועט אייך אלע טאג מאכען א היסב בעט, אבי ניט עסען בעט.

* * *

ניט איין פרוי מאכט חמץ׳דיג דעם מאנ׳ס סדר מיט איהר פארזויערט פנים.

* * *

פרעה האט נאכגעגעבען די אידען נאך דער צעהנטער מכה. גיט א פרוי 99 מכות, און א מכה וועט זי אייך נאכגעבען.

* * *

מאנכע פרויען זיינען ווי מצות: פלאך, בלאס, אהן זאלץ, אהן שמאלץ, און ברעקלען זיך נאך.

* * *

די ווייבער וואלטען קיינמאל ניט ארויס פון מצרים, ווען די מענער וואלטען פאר זיי ניט גע׳גנב׳עט קיין דזשולערי.

* * *

א ווייב איז ווי מרור: ס׳איז ביטער, עס פארכאפט פאר׳ן הארצען, עס רופט ארויס טרערען, אבער עס בעלאנגט צום סדר.

* * *

די פרויען האבען אוועקגעגעבען זייער גאלדווארג צו מאכען א גאט, כדי זיי זאלען האבען ביי וועמען צו בעטען דיימאנדס.

* * *

משה רבינו האט צעשפאלטען דעם ים און איז אנטלאפען מיט די אידען; א פרוי צעשפאלט אמאל דאס פאמיליע לעבען און אנטלויפט מיט א גוי.

* * *

פרויען פארדרעהען זיך די האר און דעם מאן — דעם קאפ.

* * *

א פרוי איז א פאנאגראף: זי קאן איבערערען דיזעלבע זאך יאהרען לאנג.

* * *

א פרוי וואס קען ניט קאכען, קען אויך פארקאכען א קאשע.

* * *

פרויען זיינען ווי קליינע קינדער: זיי פלוידערען, וויינען און וואס זיי דערזעהען ווילען זיי.

* * *

ווען פרויען וואלטען זיך אזוי ניט איינגעשנורעוועט, וואלטע זייערע ברוסטקאסטענס עקספלאדערט פון קנאה.

* * *

דער מח פון א פרוי איז א קאסע קאסטען, אנגעפילט מיט דימענטע אוירענגליך, און גאלדענע זייגערלעך.

* * *

א פרוי וואס האט ניט קיין אורזאכע צו באקלאגען זיך אויף איהר מאן, פיהלט זיך אומגליקליך.

* * *

די אורזאכע ווארום א מאן, ווען ער שפאצירט מיט זיין פרוי, מוז געהן ביים ברעג פון טראטואר, איז כדי די פרוי זאל קענען אריינקוקען אין די שאו פענסטער פון די געוועלבען.

* * *

מענער זיינען העלדען אין פלודערען. פרויען — העלדען אין פלוידערען.

* * *

פרויען און רעגענבויגענס זיינען פיעל פארביג.

* * *

ניט אמת אז פרויען האבען ניין מאס רייד. זיי רעדען אהן א מאס.

* * *

א פרוי וועט אימער קומען צום „פוינט", אבער קיינמאל ניט צום פאינט.

* * *

דער פרוי'ס העכסטער אידעאל איז א הויכע שטרויס פעדער אין העט.

* * *

די איינציגע שארפקייט וואס א פרוי פארמאגט אין קאפ, איז איהר האר־שפילקע.

* * *

אפילו א מאן א ריעז, קען זיך ניט שטעלען געגען א פרוי'ס קאפ־ריז.

* * *

נאר א פרוי האט געקענט אויסבייטען דעם גן עדן אויף אן עפעל.

* * *

פרייע רעדע ביי א פרוי מיינט יענעם בארעדען פריי.

* * *

ווידערשפרעך ניט א פרוי, לאז איהר רעדען, וועט זי זיך אליין ווידערשפרעכען.

* * *

א פרוי וועט אויסאיבען א ים חוצפה אום ארויסצוברענגען א טראפען נאאיוויטעט.

* * *

א פרוי איז די זון פון אונזער לעבען בלויז דאן, ווען זי איז אזוי ווייט פון אונז ווי די זון.

* * *

א פרוי איז ווי א טשערמאן: רק זי רופט יענעם צו ארדנונג און אליין האלט זי אין איין קלאפען.

* * *

אָי, די מענער!

צו מוסר'ען א מאן איז ווי צו גיסען וואסער אויף א גאנז.

* * *

פיעלע מענער קוקען אויף א פרוי ווי אויף א צייטונג: יעדען טאג וויל ער קויפען אן אנדערע.

* * *

מענער און מעסער האלטען מיר צוליעב ברויט, נאר גאנץ אפט פארוואונדען זיי אונז.

* * *

א מאן קען לעבען מיט זיין פרוי, אבער קיינמאל ניט פאר זיין פרוי.

* * *

דאס פאמיליע גליק איז געבוי'ט אויף דער פרוי'ס ניט וויסען פון דעם מאנ'ס מעשים טובים.

* * *

מיט צוויי טאליעס האט זיך א מאן ליעב צו שפילען: מיט א פרויען טאליע און מיט א טאליע קארטען.

* * *

דאס קליינע שטיינדעל אויף אונזער פינגער זעהען אלע, דעם שווערען שטיין אויף אונזער הארץ זעהט קיינער.

* * *

„אלע צרות פון דער וועלט שטאמען פון פרויען". — זאגען די מענער, און פארגעסען דערביי, אז זיי שטאמען אויך פון פרוי־ען.

* * *

מערקווירדיג, ווי די לאנגע ליעבעס־בריעף וואס א מאן שרייבט אונז פאר דער חתונה, ווערען נאך דער חתונה פארוואנדעלט אין קורצע פאסטעל קארדס.

* * *

גוטע מענער זיינען דא אזוי פיעל, ווי שטערען אין הימעל, אבער בלויז דאן ווען די שטערען זיינען דא.

הייראַטעז מיר אַ פרומעז, ליעגט ער אין שוהל, הייראַטעז מיר אַז אויסוואורף, ליעגט ער אין סאַלון, הייראַטעז מיר אַז עהרליכעז אַרבייטער, ליגעז מיר אין דער ערד.

*   *   *

פרויענליעבע קומט פון הארצעז, מענערליעבע פון צונג.

*   *   *

אַ מאַן איז ווי אַ בעזים: איהר טרעפט איהם געוועהנליך אין אַ שמוציגעז ווינקעל.

*   *   *

אַ מאַנ'ס יליעבע איז ווי די כוואַליעס פון ים: אַט אומאַר־מעז זיי אייך, און אַט שליידערעז זיי אייך צוריק.

*   *   *

אַ מאַן איז ווי אַ טייפּרייטער: ער קען „אַרויפקלאַפּעז" ליע־בעס ערקלעהרונגעז אויף עטליכע קאַפּיעס אין דער זעלבער צייט.

*   *   *

אַ מאַן איז ווי אַ זייגער: האַלט אימער אין איין געהן, און פון צייט צו צייט שלאַגט ער נאָך.

*   *   *

זעלטעז ווען אַ מאַן דענקט, אַז זיין אייגענע פרוי איז בעסער פון די, מיט וועלכע ער פערברענגט.

*   *   *

ווען אַ מאַן וואַלט דאַרפעז שוועגערעז, וואַלט ער דער'הרג'עט צעהן אַנדערע מענשעז איידער ער וואַלט געבוירעז איינעם.

*   *   *

דאַס פערהייראַט לעבעז וואַלט געוועז אַ פעסטע געביידע, ווען דער ווינקעלשטיין וואַלט ניט געוועז אַזאַ שוואַכע זאַך ווי אַ מענער־האַרץ.

*   *   *

אַ מאַנ'ס ליעבע איז ווי גאַז: עס קען לויכטעז, וואַרימעז און אויך פער'סמ'עז.

יא, עס זיינען דא מענער, וואס היטען אפ זייערע פרויען — אין טאג ווען זיי ברענגען זיי די „פיידע“.

* * *

דער מאן איז א קעניג בלויז צוויי וואָכענדען, אבער א טיראן איז ער א גאנץ יאהר.

* * *

פסח צום סדר איז די איינציגע צייט, ווען מיר וויסען די צאהל פון דעם מאנ׳ס כוסות.

* * *

פרעה׳ן צעהלט דער מאן אוים די מכות מיט׳ן קלענסטען פינגער, זיין פרוי — מיט דער פולער האנד.

* * *

די מענער וואלטען אלע טאג געפראוועט סדר, אום צו קענען דער פרוי „טריטען“ מיט א פארציע מרור.

* * *

היינט פאסירט אויך א מאל א נס בחצי הלילה: ווען דער מאן קומט אהיים צוועלף ביינאכט און ניט פיער פארטאג.

* * *

תירוצים פון אונזערע מענער קענען טאקע צופרידענשטעלען בלויז אונזער 5־יאהריגען אינגעלע, אבער ניט אונז.

* * *

די שווערסטע קשיה פאר א מאן צו פארענטפערען איז, ווען ער קומט אהיים אהן א סענט און די פרוי פרעגט איהם: תכשיט׳על וואס האסטו געטאן מיט דיין „פיידע?“

* * *

ווען אייער מאן האט א געליעבטע, זייט איהר ניט מקנה: ער איז איהר אויך ניט געטריי.

* * *

צוועלף בייטאג פאלט דער מאן אריין אין הויז ווי א ווילדער טיגער, צוועלף ביינאכט שלייכט ער זיך אריין ווי א שטיל קעצעלע.

* * *

אפאָריזמען.

אויגען־גלעזער קען ניט העלפען א מענשען „צו זעהן די וועלט.“

* * *

ניט אלע מאל געהען אום מענשען „דערשלאגען“ פון „ק ל ע פ.“

* * *

געהענדיג אויפ'ן טראטואר קען מען מאנכעס מאל אויך ארייני־קריכען אין א בלאטע.

* * *

מאגערקייט איז נאך ניט קיין מיטעל פאר א מענשען זיך ניט צו באנעהמען גראב.

* * *

ניט בלויז מיט נאז, מויל און אויגען — קען מען האבען „א פנים ביי מענשען.“

* * *

אויך לעבעדיגע מענשען קענען ארומגעהן אהן „קעפ.“

* * *

מאנכע מענשען זאגען — איך בין שוין גרוי און אלט געוואָרען. און דו געהסט מיר לערנען? — דאס זעלבע קען אויך זאגען א פערד, און דאך וויים ער גאר ניט.

* * *

קוקט אויף זיך און זעהט אויך יענעם.

* * *

מאכט ניט אייער בויך פאר דעם העכסטען אידעאל. ער האט ניט קיין פענסטער.

* * *

געלד איז קיילעכדיג, לאזט עס זיך קייקלען.

* * *

קליידער מאכען מענשען — געלד מאכט איבער מענשען.

* * *

ריידען איז זילבער — שווייגען קען א נאר אויך.

* * *

א צונג איז אהן ביינער — און שטעכט שארפער ווי ציינער.

* * *

די פרוי איז ווי דער שניי — אזוי שנעל ווי זי פאלט, ווערט זי געטראטען.

* * *

שעהנע טאוולען אויף א בוך, — מאכען ניט רייכער דעם אינהאלט.

* * *

פון עסען לעבט מען — פון צופיעל עסען שטארבט מען.

* * *

אין א געזעלשאפט שפייען אויפ'ן פלאר, איז פונקט ווי אין פנים.

* * *

וואסער צום וואשען זיך, איז אזוי גוטיג ווי צו טרינקען.

* * *

א גוטער נאמען איז בעסער פון א גוטען אויל — א שלעכטער נאמען איז ערגער פון אויל אויפ'ן פייער.

* * *

גוטע זאכען מעג מען לערנען פון פרעמדע — שלעכטע אפילו ניט פון א טאטען.

* * *

האבען „פרייהייט“ מיינט ניט געהן „צעשפילעט“ אין גאס.

* * *

געה מיט דיין חבר האנד אין האנד — אבער ניט האנד אין באק.

* * *

יעדער מענש דארף באזיצען ליעבע — אבער ניט צו פרעמדע פרויען.